# אָפּרופן אויף דער „סביבה״

מאָריס ל. שיוער — דעטראָיט: איך וויל אייך ווינטשן אַ סך הצלחה. לאָמיר האָפן אַז עס וועלן נאָך זיין אַ סך נומערן. איך וואָלט אייך דאַנקבאַר געווען אויב איר וואָלט אַרויסגעשיקט אַ קאָפּיע צו דער שיוער־ביבליאָטעק אין בית־ברל, ישראל. די „סביבה״ וועט דאָרט זיכער האָבן אַ וואַרעמען אָפּרוף...

דינה האַלפּערן — שיקאַגאָ: עס איז באמת אַ פריייד לייענענדיק די זייער אינטערעסאַנטע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען. נו, און די לידער — איז דאָך שוין אָפּגערעדט. איך ווינטש אייך אַ סך מזל ברכה.

יהודה עלבערג — מאָנטרעאָל: איך ווינטש אייך אַ סך געזונט, כח, אויסדויער און עקשנות. איר וועט זיך נויטיקן אין דעם אַלעם צו קענען טראָגן אויף אייערע פּלייצעס די „סביבה״. אַ יישר־כח פאַר נעמען אויף זיך דעם עול.

יהודה בלייך — מילוואָקי: דער מאַטעריאַל אין דער „סביבה״ איז דורכאויס „היי־קלעס״, ווי מען זאָגט ביי אונז... מען פילט דעם פיינעם צוגאַנג און גוטן געשמאַק...

נחמה און יחיאל לעסאוואָדער — מיאַמי: מיר ביידע האָבן גוואַלדיק הנאה געהאַט פון דעם ערשטן נומער „סביבה״. מיר שאַצן אָפּ די וויכטיקייט פון אַזאַ ליטעראַרישער אויסגאַבע ביי דער איצטיקער צייט. געשטאַרקט זאָלן ווערן אייערע הענט... הלוואי זאָל אייער זשורנאַל אַרויסרופן דעם אָפּרוף און אינטערעס צווישן אונזערע וויניקע לייענער.

י. זיפער — מאָנטרעאָל: אַזוי־ווי איך זע אַז איר זוכט אַ מנין אידן צו אייער „סביבה״, וויל איך זיך מצרף זיין. אויב נישט צום ערשטן מנין, מעג זיין צום צווייטן, דריטן און אפילו ווייטער... האָט הצלחה...

פייגל און אהרן מאַלדאַו — באָסטאָן: ...מיר האָפן אַז איר וועט נאָך אַ סך יאָר זיין פון די שומרי החומות פון אונזער אידיש וואָרט... מיר שיקן אייך האַרציקע ברכות פאַר דערפאָלג אין אייער ווערטפולער אונטערנעמונג.

פּראָפעסאָר א. לערמער און פרוי — מאָנטרעאָל: נעמט צו מיין גרוס און מיינע בעסטע וואונטשן פאַר גרויסן דערפאָלג. מיר האָבן גרויס הנאה געהאַט פון ערשטן נומער, און זיינען זייער דאַנקבאַר אונזער גוטן פריינט רחל קאָרן פאַר ברענגען אייער זשורנאַל צו אונזער אויפמערקזאַמקייט.

י. מאַנדלקערן — פילאַדעלפיע: אויב איך וועל באַגעגענען אַ אידן וואָס איז פאַראינטערעסירט אין די „קליינע פינטעלעך״ זאָג איך אייך צו אַז איך וועל זיך באַמיען אים צו מאַכן פאַר אַן אַבאָנענט פון דעם פיינעם זשורנאַל.

דר. יום־טוב הלמן — ירושלים: אלפי תודות על „הסביבה״ ששלחתם לי... אַ קליינינקע אָבער אַ וואוילינקע. זוהי „סביבה״ יהודית שביהודית, ואם תמצא לומר — אפילו עברית, שכן היא מעבר ללשון. היא עממית, כל יהודית גם במובן הזמני. בלעתי אותה כולה באותו ערב.

(ווייטערדיקע בריוו אין די קומענדיקע נומערן)

„סביבה״ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy

*Editor:* K. Molodowsky, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.



# סביבה

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

נאַציאָנאַלע שטריכן אין דער אידישער פּאָעזיע..............ק. מאָלאָדאָווסקי
מענטשן האָבן באַדאַרפט קומען (ליד)..............ה. לייוויק
2+2=4 — אָדער צוריק צו היינריך היינע..............מלך ראַוויטש
צוויי מאָל צוויי פלוס..............יעקב גלאַטשטיין
אַ פאַרשפּעטיקטער פרילינג (ליד)..............רחל ה. קאָרן
דער זוהן (דערציילונג)..............יצחק באַשעוויס
אין מדבר אַריזאָנאַ (ליד)..............חיים גראַדע
לאַבאָראַטאָריש גערעדט..............אהרן צייטלין
די ראָטאָנדע (פּאָעמע)..............אפרים אויערבאַך
קענן וועמען קעמפּט י. באַשעוויס?..............אַדאַ לאַפּין
לידער..............גבריאל פרייל
מענדעלעס אַלעגאָריעס..............שמחה לעוו
שבת־אויבס לידער..............בעריש וויינשטיין
ביי די גרענעץ־וואַכן פון דער געשיכטע..............רחל ה. קאָרן
די ברכה (ליד)..............מלכה חפץ־טוזמאַן
יעקב פרידמאַנס „די לעגענדע נח גרין״..............אפרים אויערבאַך
אַ ליבע־בריוו צו ניאַגאַראַ..............י. אַדלער
לידער..............יוסף רובינשטיין
אין אַ טאָג פון יום־טוב (דערציילונג)..............יוסף חיים ברענער
לידער..............קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
צום שלום פון ערשטן יאָר „סביבה״

נומער 4
חשון, תשכ״ב — אָקטאָבער, 1961
ניו־יאָרק, נ. י.

# נאַציאָנאַלע שטריכן אין דער אידישער פּאָעזיע

עס איז אוממעגלעך געניי צו באַשטימען די נאַציאָנאַלע שטריכן פון פּאָעזיע, פּונקט ווי מען קען ניט זאָגן וואָס פאַראַ קאָליר עס האָט דער הימל — ער ענדערט זיך און האָט אומגעריכטע קאַפּריזן. די אידישע פּאָעזיע — ווי אַלץ ביי אידן — האָט נאָך אַ „האַטשיק״ דערביי: זי האָט זייער אַלטע טראַדיציעס און אירע ברעגן ציען זיך ביי ביטערע טייכן. זי טראָגט די שפּורן פון זיי.

עס איז ביי אונז דאָ אַן אגדה וועגן רבי חנינא בן דוסא וואָס האָט געוואָלט ברענגען אַ נדבה אין בית המקדש אין ירושלים, ווי דער מנהג איז געווען. ער האָט גאָרנישט ניט געהאַט. ער איז אַרויס אין מדבר, האָט גענומען אַ שטיין, האָט אים געטעסעט, געשליפֿט און געגלאַנצט; נאָר ווי ברענגט מען דעם שווערן שטיין קיין ירושלים? טרעגער דאַרף מען באַצאָלן. האָבן פינף מלאכים זיך פאַרשטעלט פאַר טרעגער, פאַרלאַנגט אַ קליינעם געצאָלט, אָבער מיט אַ באַדינג: רבי חנינא בן דוסא זאָל צולייגן זיין פינגער צום שטיין. האָט ער צוגעלייגט זיין פינגער — און זיי זיינען שוין געווען אין ירושלים.

דאָס דימענטל פון דער אגדה איז — וואָס ער האָט באַדאַרפט צולייגן דעם פינגער, דעם פּערזענלעכן חותם — אָן דעם קען דער שטיין ניט מאַכן דעם פּלי.

די נאַציאָנאַלע שטריכן פון פּאָעזיע זיינען — דער פּערזענלעכער חותם פון פאָלק. אָן דעם קען זי ניט מאַכן דעם פּלי.

אין אונזער טאָג־טעגלעכער שפּראַך זיינען דאָ אַ היפּש ביסל פּאָעטישע אויסדרוקן, וואָס מיר נוצן זיי און מיר פילן דאָס אַפילו ניט, ווייל מיר זיינען אויפגעוואַקסן מיט זיי. דאָס זיינען די זיילן פון דער שפּראַך, איר נאַציאָנאַלער חותם. ווען מען זאָגט, צום ביישפּיל, „אַ אידישער גזלן״ — מיינט עס, אַז אַ איד וועט ניט הרגענען. עס איז אין דעם אויסדרוק פאַראַן הומאָר, און אתה בחרתנו, און גוטמוטיקייט וואָס באַגלייט דעם הומאָר, און אונטערגעמויערט איז דער אויסדרוק מיט „לא תרצח״ (פאָלג מיר אַ גאַנג צום באַרג סיני).

און ווען צוויי ווערטער קענען אַרומנעמען אַזויפיל באַגריפן געהערן זיי צו דער פּאָעטיק פון דער שפּראַך, צו אירע נאַציאָנאַלע שטריכן, און טראָגן ווייטע ירושות. אָדער ווען מען זאָגט „כאָטש שריי שמע ישראל״ — פאַר איינעם וואָס איז ניט קיין איד קען מען דאָס ניט פאַרטייטשן, און פאַר אַ אידן דאַרף מען דאָס ניט פאַרטייטשן, ווייל „שמע ישראל״ ליגט אים אין די ביינער. אויב אַפילו, און זאָל אַזוי ניט טרעפן ווי עס טרעפט זיך, אַז מען ווייסט ניט דעם טייטש דערפון, ווייסט מען וואָס עס ליגט אונטער דעם אויסדרוק: אַנגסט, יסורים, קידוש השם און וואָס ניט? אַפילו אַז מען דאַרף זיך ראַטעווען פון שדים שרייט אַ איד „שמע ישראל״. דאָס זיינען די נאַציאָנאַלע פעדים וואָס וועבן דורך דאָס לשון און גיבן אים זיין נאַציאָנאַלן חן און זיין קרוין.

די פּאָעטישע שאַפונג האָט אַ צוגאַנג צו די חנען פון דער שפּראַך. ניט שטענדיק ליגן זיי פון אויבן אויף, אָבער די פּאָעזיע האָט אַ פינגער אויף זיי און זי פליט אויף זייערע פליגלען.

ביי אונז אידן איז דאָ דער באַגריף קפיצת הדרך — מען קען קומען פון איין עק וועלט צו אַ צווייטן אין אַן אויגנבליק, אין איין רגע. קפיצת הדרך איז אויך חל אויף צייט. דאָס פאַרגאַנגענע און דאָס איצטיקע האָבן נישט צווישן זיך קיין מחיצה. אליהו הנביא, למשל, קומט בקפיצת הדרך. עס איז נישטאָ פאַר אים קיין ווייטקייטן און עס איז נישטאָ פאַר אים קיין דורות. ער קומט וואו מען דאַרף, און ווען מען דאַרף. און דער באַגריף איז אַזוי איינגעוואָרצלט ביי אידן, אַז ער לעבט אין אונז אָן קיין שום פּראַגעס. אליהו הנביא איז דאָ ביי אונז אין די אגדות, אין די חסידישע מעשות, און ביי אונזערע היינטצייטיקע פּאָעטן. פון דער פּאָעטיק איז ער געקומען צום פאָלק ווי אַ ממשותדיקע געשטאַלט. אַ אידישע פרוי האָט געהאַט אָפּשיי פאַר יעדן אָרעמאַן און אַ פּחד איז געווען ביי איר אים צו באַהאַנדלען ניט ווי געהעריק, ווייל טאָמער איז ער אַ פאַרשטעלטער אליהו הנביא. דאָס געהערט צו דער פּאָעטיק וואָס לעבט אין געפיל פון פאָלק.

די פּאָעזיע, אויב זי איז עכטע פּאָעזיע, מוז זי האָבן נאַציאָנאַלע פונדאַמענטן, די וואָס לעבן אין געפיל פון פאָלק. דאָס מוז ניט זיין גראָד אַ ליד וועגן אליהו הנביא. די נאַציאָנאַלע פונדאַמענטן ליגן אָפּטמאָל פאַרבאָרגן אונטער די שורות, אונטער דער שטימונג פון ליד. זיי גיבן אַ ריר אונזער געפיל און גייען אַריין אין אונזער באַוואוסטזיין דורך טירן, וואָס מיר האָבן ניט צו זיי קיין שליסלען. בלויז אַן אָנגעלאָדן וואָרט גיט זיי אַן עפן. עס איז נישט דער מאָטיוו, אָדער ווי מען וואָלט געזאָגט אויף ענגליש „דהי סאַבזשעקט״, וואָס מען שרייבט וועגן דעם, נאָר די אָנגעלאָדנקייט, דער קפיצת הדרך וואָס איז דאָ אין דעם ליד. דאָס איז דער מהות פון פּאָעזיע.

זינט עס איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל זיינען אָנגעשריבן געוואָרן צענדליקער און אפשר הונדערטער לידער וועגן ארץ ישראל, וועגן חלוצים, וועגן דעם נגב, וועגן דעם ירדן און פאַרשיידענע בערג און טאָלן פון ארץ ישראל. אָבער די טעמע, מעג עס אַפילו זיין וועגן הר ציון, מאַכט נאָך ניט די לידער פאַר נאַציאָנאַלן געזאַנג. מען קען אָנשרייבן אַ ליד וועגן הר ציון — אַ פיינע ארץ־ישראלדיקע טעמע — אָבער עס קען בלייבן נאַקעט ווי אַ בוים אָן צווייגן און אָן בלעטער, ווייל כדי עס זאָלן זיין צווייגן און בלעטער מוז דער בוים האָבן וואָרצלען, שרשים, וואָס ליגן אונטערן באָדן, מען זעט זיי ניט, אָבער זיי נערן דעם בוים. אַזוי איז אַ ליד. אונטער די שורות מוזן ליגן די נאַציאָנאַלע וואָרצלען — דעמאָלט איז עס נאַציאָנאַלער געזאַנג. מעג עס זיין אַ ליד וועגן אַ בוים, וועגן אַ רעגנדיקן טאָג, צי אַ פאָר שיך.

אברהם רייזען האָט גענומען, געוויינלעך, „קליינע״ טעמעס — וועגן אַ וואָלקן, וועגן אַ ווינט, וועגן אָרעמקייט. ער האָט ניט גענומען די גרויסע נאַציאָנאַלע טעמע, און פונדעסטוועגן איז ער געווען טיף נאַציאָנאַל, און איז שטאַרק באַליבט ביים פאָלק. זיין קליינע טעמע איז געווען באַשטראַלט מיט אַ אידישער טרער, אַפילו ווען ער האָט ניט אויפגעהויבן זיין קול מיט אַ געוויין. ביי אים איז דאָ אַן אינערלעך געזאַנג, וואָס שטייגט אַריבער דאָס אויסערלעכע. אָט, צום ביישפּיל, זיין ליד וואָס הייסט „וואו?״:

איך בין שוין געוואָרן אַן אייביקער וואַנדערער,
און וואָגל און בלאָנדזשע פון שטאָט צו דער אַנד׳רער,
וואו וועל איך פאַרבלייבן און רוהע געפינען?
די פראַגע זי נאָגט מיך און ערגערט מיין זינען.
צי וועל איך אין וועגן שוין אייביק זיך דאַרבן?
און ווייט פון מיין היימאַט אַן עלנטער שטאַרבן?

ווער וועט אויף מיין קבר מיין נאָמען פאַרשרייבן,
עס זאָל אַ געדעכעניש נאָך מיר כאָטש פאַרבלייבן.

ס׳איז אַ פּערזענלעך ליד. רייזען קלאָגט זיך אויף זיין וואָגלעניש. אָבער הינטער דעם ליד שטייט אַ איד וואָס קלאָגט זיך אויף אַן אַלטער אידישער פּלאָג. „וואו וועל איך פאַרבלייבן און רוהע געפינען?“. דאָס ליד גיט ביי אונז באַלד אַ דערוועק אַן אַלטע אידישע קלאָג און די גאַנצע אידישע בענקשאַפט נאָך רו גיסט זיך אַריין אין דעם ליד. רייזען האָט מיט אַ שטאַרקן פּאָעטישן חוש געמאַכט דעם קפיצת הדרך פון זיין פּערזענלעכן געפיל צו אַ פאָלקס־איבערלעבונג. דאָס איז דער קפיצת הדרך פון פּאָעזיע. און כאָטש דאָס ליד איז געשריבן מיט זייער איינפאַכע ווערטער און מיט ניט קיין פּיפּיקע גראַמען, נאָר פּראָסט פּשוט, היימיש און אידיש — האָט עס דעם כח פון נאַציאָנאַלן געזאַנג.

איינס פון די גרויסע נאַציאָנאַלע געזאַנגען ביי אידן איז יהודה הלוי׳ס „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך“ (ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך / דרשי שלומך, והם יתר עדריך — ציון, ווען דאָך פרעגן אויף דיינע קינדער געפאַנגענע / די וואָס גריסן דיך, די לעצטע פאַרבליבענע — — —). דאָס ליד איז אַריין אין אונזערע קינות און עס ווערט געזונגען און געלייענט און געלערנט שוין אַכט הונדערט יאָר. אין דעם ליד האָט יהודה הלוי גענומען די גרויסע טעמע. ער זינגט וועגן זיין בענקשאַפט צו ציון — אַ פאָלקס בענקשאַפט. אָבער ניט צוליב דער גרויסער טעמע איז דאָס ליד געוואָרן דאָס געזאַנג פון אידישן פאָלק. אין יעדן וואָרט פון דעם ליד זיינען איינגעזויגן טיפע פאָלקס־געפילן, און אַפילו מער ווי דאָס — סך־הכלען פון אידישן גורל אין פאַרלויף פון דורות. שוין אין דער ערשטער שורה קומט ער מיטן וואָרט „אסיריך“. אסיריך — „דיינע געפאַנגענע“. ער גיט גלייך אַ שטעל אַוועק דאָס אידישע פאָלק ווי געפאַנגען פון אומגליק, פון גלות. ער זעט דאָס פאָלק אין זיין אומבאַהאָלפנקייט, ווי עס זיינען געפאַנגענע. מיט דעם איינעם וואָרט גיט ער זיך אַ טויך אין די תהומען פון דער אידישער געשיכטע, אין די קלעמען פון מאַרטירערשאַפט פון „געפאַנגענע“. און דאָס אַלץ ווערט דערגרייכט בלויז מיטן וואָרט „אסיריך“. מען דאַרף האָבן זייער אַן איידעלן פּאָעטישן פינגער אויף אויפהויבן אָט דעם שווערן שטיין פון פאָלקס גורל מיט איין באַריר. אַ וואָרט אין אַ ליד איז פילגעשטאַלטיק. מיט דעם איינעם וואָרט „אסיריך“ ברענגט יהודה הלוי אויך די האָפענונג פון גאולה פאַר די געפאַנגענע, וואָס וועגן דעם האָט נביאות געזאָגט זכריה הנביא. ס׳איז דער נאַציאָנאַלער קפיצת הדרך מיט אַ ברייטן שפּאַן.

אויב מען זינגט אַפילו וועגן זיך אַליין, אָדער וועגן אייגענער בענקשאַפט, מוז עס האָבן אַן אָפּקלאַנג אויף די סטרונעס פון פאָלקס־געמיט. די ווערטער הענגען ניט פון אויבן אויף, גלאַט אַזוי זיך געזאָגט. גראַמען זיינען ניט דאָס הויפּט־געזאַנג פון אַ ליד. פון הינטער דעם געזאַנג דאַרף מען הערן ווי דאָס פאָלק זאָגט: אמן.

דער גאַנג פון פּאָעזיע איז אַזויווי דער גאַנג פון כוואַליעס אין ים. ערגעץ ווייט פון ים קומט אָן אַ הויכע כוואַליע. ביז זי דערלויפט צום ברעג צעקלאַפּט זי זיך אויף פיצלעך, אָבער זי ברענגט דעם אָפּהילך פון די ווייטע תהומען. זי ברענגט דעם געזאַנג פון גאַנצן ים. זי ברענגט זיין אָטעם. און אַזוי איז אַ וואָרט פון אַ ליד. עס ברענגט דעם אָפּהילך פון די טיפענישן פון פאָלקס־באַגערן, אמונה, מנהגים, צווייפלען און אַפילו ווידערשפעניקונג.



מאָריס ראָזענפעלד האָט געהאַט אַ נויגונג צו „הויכגעוויקסיקע“ נאַציאָנאַלע טעמעס — „קריעת ים סוף“, „גלות“, „משה“ און ער איז נישט געווען קאַרג אויף „שטאַרק אָנגעקראָכמאַליעטע“ ווערטער ווי העלדן־מוט און גבורה־גלות, אָבער גראָד נישט אין די לידער זיינע האָט זיך אַנטפּלעקט זיין נאַציאָנאַלע דיכטערישע גבורה. גראָד אין די שטילערע לידער זיינע גיט ער אַמאָל אַ פלאַם אויף מיט אַ טיפן נאַציאָנאַלן געפיל וואָס דערשיטערט מיטן טרויער און מיטן אַנטפּלעקטן תהום פון אידישער געפּרואווטקייט. אַזויווי אין זיין ליד „סוכות“ די שילדערונג פון דער סוכה:

אָנגעשפּאַרט אָן עלנד, אָנגעלענדט אָן טויט
שטייט די שוואַכע סוכה, ציטערנדיק אין ווינט—
דאָרטן גייט זיך פרייען גאָטס געליבטע קינד.

געוויס קען מען שילדערן אַ סוכה באַהאַנגען מיט גרינעם סכך און מיט פרישע עפּל — אַ יום־טובדיקע סוכה. אָבער אַ ליד האָט טויזנט טויערן. ראָזענפעלד גיט דאָ אַן עפן דעם געשיכטלעכן טויער פון דער סוכה, איר נאַציאָנאַלן אַרומנעם — פון מדבר און דורך וואַנדער, דורך עלנט און טויט. ביי ראָזענפעלדן קען טרעפן (אין דעם ליד „אַמאָל“), אַז זינגענדיק וועגן ליבע און בענקשאַפט צו דער פאַרגאַנגענער יוגנט, פאַלט ביי אים אַרויס אַן אָפענער סידור, ווי אַ פאַרגלייך צו דער רחבות פון דער נאַטור. ביי אַ דיכטער פון אַן אַנדער פאָלק קען אין אַזאַ ליד דערשיינען דער אָפּגאָט „פּאַן“, אָבער ביים איד, ראָזענפעלד, צעעפנט זיך אַ סידור. און עס קען דאָך ניט זיין עפּעס אידישער ווי אַ סידור! דאָס איז דער נאַציאָנאַלער רייטוואָגן אין וועלכן ראָזענפעלד טראָגט זיך איבער דער אידישער פּאָעזיע.

דער קפיצת הדרך פון פּאָעזיע האָט ניט קיין גרענעצן און האָט ניט קיין שום מאָסן, נאָר די מאָס פון אַן אינערלעך געפיל. עס איז אָבער פאַראַן אין כלל דערביי, וואָס איבערגיין אים קען מען ניט: הינטער דעם געזאַנג מוז זיך הערן דער אָמן פון פאָלק. אָן דעם איז אַ ליד נאַקעט. אייניקע דיכטער דערגרייכן דאָס דורך נאַציאָנאַלער וויזיע, אַנדערע מיט זייער שפּראַך וואָס אַנטהאַלט איינגעדרימלטע פאָלקס־מחשבה, פאָלקס־ליבשאַפטן, אַפילו פאָלקס־שפּאַסן.

אָט האָבן מיר די מעשות פון כעלם. אויף די איינוואוינער פון כעלם האָט מען זיך ניט געשעמט זאָגן פּשוט — כעלעמער נאַראָנים, כעלם לעבט אָן לאָגיק. כעלם טוט זאַכן קאַפּויר. כעלם איז תמימותדיק ביז צום לאַכן, און פון כעלם לאַכט מען אָפּ. אָבער מיר האָבן ליב די כעלעמער, כאָטש זיי זיינען געווען נאַראָנים. און אפשר זיינען מיר די כעלעמער נאַראָנים פון דער וועלט, וואָס לעבן מיט עולם הבא. כעלם איז פאָלקס־פּאָעטיק. דער דיכטער י. י. סיגאַל האָט די לעגענדאַרישקייט פון דער שטאָט כעלם אויפגעהויבן צו אַן אידעאַל און ער זאָגט אין זיין ליד:

„און זאָגן דאַרף מען אַזוי צו זאָגן, / אַז יעדער איד פון בויז און בוז / זאָל איינמאָל אין זיין לעבן כאָטשבי / באַרירן כעלם מיט זיין פוס. / אַרויסרייסן זיך איינמאָל כאָטשבי / איין איינציק מאָל אין אַ לעבן לאַנג / און קומען אין קליין כעלם זיצן / אין קלויז דאָרט אויף דער ברייטער באַנק.

„און הערן תורה פון דעם דיין / און הערן חכמה פון דעם רב / און זייער גוטן געשמאַקן מוסר / פאַר יעדער לייד, פאַר יעדער שטראָף. / די הייסע ווערטער זייערע היילן / און שטילן די צערייצטקייט איין. / ווער עס גיט אַ טרונק די כעלעמער וואַסער / וויל קיינמאָל ניט דעם שטאַרקסטן ווייַן. / ווער עס פאַרזוכט די כעלעמער פּשטות /

וויכט פון דער קלוגשאַפט וואָס פאַרפירט / אין נישט געשטויגענע וויסטע הויכן / און אין פאַרבלענדטן פאַלשן ליכט..."

אין דעם ליד האָט י. י. סיגאַל איבערגעשפּרונגען פאַראורטיילן און אַרויסגעהויבן תמימות ווי אַ העכסטע מדרגה פון „קומען צו זיך", השיבנו צו אידישע נאַציאָנאַלע איינשטעלונגען. און אויף דעם ענטפערט דער איד ערגעץ פון די טיפענישן פון זיין האַרצן „אָמן". און כאָטש דאָס ליד האַלט זיך אויף די גאָר נידעריקע שטאַפּלען פון כעלם — איז דאָס נאַציאָנאַלער געזאַנג. די גאַנצע פּאָעטיק פון כעלם איז דאָך אַן אויסדרוק ווי ביטער עס שפּאַנט זיך די אידישע פרומע לחמא עניא מיט דעם לוקסוס און הפקר פון דער וועלט.

ביי ביאַליקן איז דאָ אַ ליד וואָס רופט זיך „תיקון חצות", ווי אַ איד שטייט אויף ביינאַכט צו תיקון חצות. וועגן דעם תיקון חצות איז ביי אים דאָ בלויז איין שורה. דער עיקר איז דאָס שטעטל אין אַ רעגן־נאַכט. וועגן אַ רעגן־נאַכט קען שרייבן אַ פּאָעט וואָס איז נישט קיין איד אויך. דאָס איז נישט קיין נאַציאָנאַלער מאָטיוו. דער ענין געהערט ניט צו אידן אַליין. נאָר אינמיטן דערינען גיט ביאַליק אַ זאָג, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז פאַרזונקען אין יון מצולה און אין שלאָף. יון מצולה — הייסט בלאָטע. און יון מצולה הייסט נאָך עפּעס. דאָס איז דער נאָמען פון אַ ספר וואָס עס האָט אָנגעשריבן ר' נתן נטע האַנאָווער, וואו ער האָט פאַרשריבן די גזירות פון ת"ח און ת"ט, די אויסשעכטונג פון די אידן אין כמעלניצקעס צייטן. און ווען מיר דערהערן דאָס וואָרט יון מצולה קומט אויף אונז אָן דער שוידער פון יענער צייט. און ווען ביאַליק זעט דאָס אידישע שטעטל פאַרזונקען אין רעגן, די דעכער איינגעקורטשעט, די פלייצונג אויף די ווענט ווי טרערן זאָלן זיי וואַשן, גיט ער אַ זאָג אַז דאָס שטעטל זינקט אין יון מצולה און אין שלאָף. דאָס אָרעמע אידישע שטעטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דערשראָקענע שאָף צווישן די דערפער, רופט ביי אים אין רעגן־נאַכט אַרויס די וויזיע פון יון מצולה, פון פאַרניכטונג. בלויז אין אַ ליד קען אַ משורר געבן אָט דעם שפּרונג און אונז אויפטרייסלען, פּשוט מיט אַ באַשרייבונג פון אַ רעגן־נאַכט. און דעמאָלט אין דער לעצטער שורה פונעם ליד זאָגט ער: אין דער פינצטערקייט צינדט זיך אָן איין שויב. אַ איד שטייט אויף צו תיקון חצות. און דורך דער איינציקער רואיקער שורה ברענגט ער אַרויס די אייביקע אידישע ליכט וואָס ברעכט דורך יעדע פינצטערניש און פאַרפלייצעניש. אָט דאָס ליד „תיקון חצות" איז נישט פון ביאַליקס גרויסע מאָטיוון. ס'איז נישט דער „מתמיד", ס'איז ניט „בעיר ההרגה" (אין דער שחיטה־שטאָט). ס'איז אַ קליינער מאָטיוו פון אַ רעגן־נאַכט. אָבער דער נאַציאָנאַלער געוויכט פון דעם ליד איז נישט קלענער ווי אין זיינע לידער מיט די גרויסע מאָטיוון. ס'איז די טיפע אידישקייט וואָס האָט געלעבט אין אים וואָס שווימט אַרויס דורך דער רעגן־נאַכט.

אַ קליינע לאַמטערנע, אָפּטמאָל מיט אַ בלינד שייבל פאַרקלעפּט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, איז געווען אין יעדער אידישער שטוב. דער חדר־אינגל האָט געטראָגן די לאַמטערנע לויפנדיק אין אַ ווינטערדיקן אָוונט צוריק פון חדר. ווי שטערן האָבן זיך געטראָגן די פלעמלעך פון די לאַמטערנעס אין אַ פינצטערן אָוונט אין שטעטל. זיי האָבן באַלויכטן די טונקעלע בלאָטע און באַשטראַלט זי מיטן ליכט פון תורה. דאָס זיינען געווען אידישע נאַציאָנאַלע שטערן. פאַר דער אידישער פּאָעזיע זיינען זיי נישט קלענער ווי די שטערן פון הימל. מאַני לייב האָט אַוועקגעלייגט אַ „פינגער" אויף זיי אין זיין פּאָעמע



„אינגל צינגל כוואַט", האָט די פּאָעמע דעם חן פון חדר־אינגלעך און זייערע אויסגעטרוימטע רייטער אין דער בלאָטע. דאָס איז איר נאַציאָנאַלער געוועב.

אַ ליד איז אַן אָרקעסטער. ס'איז ניט די פידל וואָס דער פּאָעט האַלט אין האַנט, מיט דער פידל אַליין וואָלט זיין ניגון ווייניק אויסגעשפּילט. נאָר ס'איז דער אָרקעסטער וואָס שפּילט מיט מיט זיין פידל — דער אָרקעסטער פון פאָלקס־באַגערן, פון פאָלקס־ליידן, פון האָפענונגען און פון וויזיעס. ס'איז די קפיצת הדרך וואָס שפּאַנט איבער דורות דורך זיין פידל. אַ סך כלים שפּילן מיט אים. מיר זעען ניט די טירן דורך וועלכע אַלע כלים קומען אַריין. נאָר מיר הערן זייער ברומען.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

*

ה. לייוויק

## מענטשן האָבן באַדאַרפט קומען

מיר דרוקן איבער ה. לייוויקס ליד וואָס ער האָט אָנגעוויזן. מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלמה.

מענטשן האָבן באַדאַרפט קומען
צו שטיין דיר צוקאָפּנס און דיך בענטשן ;
מענטשן זיינען ניט געקומען,
איז די בענטשונג געקומען אַליין,
געקומען די בענטשונג אַליין,
געקומען אַליין.

זי האָט אָנגערירט דיינע פאַרמאַכטע אויגן,
דיינע פאַרשלאָסענע ליפּן,
האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן אויף זיי,
ווי אַ שמייכל ערב טאָג
(און געווען איז שוין באַלד ערב נאַכט),
האָט די בענטשונג געבענטשט דעם שמייכל
און — זיך אָפּגעשיידט און צעשיידט זיך,
איז דער שמייכל געבליבן אַליין,
געבליבן דער שמייכל אַליין,
געבליבן אַליין.

דורך דער אָוונטיקער שויב האָט אַ זונשטראַל
זיך אַריינגעפּעדעמט גאָלדיק ווייך
און איבערגעדעקט מיט שטילער ליבשאַפט
דעם שמייכל אַקוראַט ביים פאַרגיין.
דער שמייכל איז פאַרגאַנגען —
איז דער זונשטראַל געבליבן אַליין,
געבליבן דער זונשטראַל אַליין,
געבליבן אַליין.

מלך ראַוויטש

# 2+2=4 — אָדער צוריק צו היינריך היינע

עס ווייסט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, אַז מיט זיי און דורך זיי קריגט ער זיך מיט דער מאָדערנער און אולטראַ־מאָדערנער פּאָעזיע בכלל און מיט די אולטראַ־מאָדערנע אידישע פּאָעטן — זיינע בעסטע פריינט — בפרט. וואָס דאַרף מען דען מער מיט די־אָ ווערטער קריגט ער זיך אפילו מיט זיך אַליין פון נעכטן און אפשר פון מאָרגן...

און דאָך דאַרפן די ווערטער געזאָגט ווערן. זיי דאַרפן בכלל פון צייט צו צייט געזאָגט ווערן. מען דאַרף בכלל פון צייט צו צייט איבערקאָנטראָ־לירן באַנעמונגען און באַגריפן און צוגאַנגען.

אַז אַ טעאַטער־שטיק האַלט זיך צו לאַנג אין רעפּערטואַר — מאַכן די רעזשיסערן אַלע דריי חדשים ווידער פּראָבע, ווייל מיט דער צייט פאַרגעסן די שפּילערס וואו זיי האַלטן אין דער וועלט און אַ טראַגעדיע איז עלול פון זיך אַליין זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ קאָמעדיע — און ויצע־ווערזאַ.

עס איז טאַקע אמת, אַז אונזער גאַנצע בידנע וועלט — פאַרפאָרט שוין לעצטנס אין כף־הקלע אַריין, נו, מילא — די וועלט... ווי איז אונז. אָבער די וועלט פון דער דיכטונג — זי האָט זיך דאָך יאָ אַלעמאָל געהאַלטן אין דער מעלה. זי האָט דאָך יאָ אַ קלאָרן קאָפּ אַלע מאָל געהאַט, וואָרום באמת, וואָס קען זיין קלערער, ווי אַן אויסגעשפּראָכן ליד, אַ דיסטילירטע און קאָנ־דענסירטע וועלט בזעיר אנפּין.

נישט נאָר אויף אידיש שרייבן פון צייט צו צייט ענטוזיאַסטישע פּאָעטן מיט גרויס התפעלות וועגן זייער פּראָפעסיע אין גייסט, נאָר אויך אויף גויאיש שרייבן פּאָעטן אַזוי: הויבן זייער נשמה־פאַך ביז די הימלען — אָט אַזוי ווי אַלץ אין דער וועלט הויבט זיך אָן מיט אַ ליד — גייט דורך דעם לעבנסוועג מיט אַ ליד — און ענדיקט זיך מיט אַ ליד.

דאָס אַלץ קען אפשר זיין דער גרעסטער אמת, אָבער עס איז אויך אין דער זעלבער צייט די גרעסטע אילוזיע. וואָרום דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן נישט נאָר אויף דער ערד, נאָר אויך אין גאַנצן זונען־סיסטעם און אין קאָסמאָס אפילו. כל זמן אַ זאַך קומט נישט אין קאָנטאַקט מיט דעם בר נש — עקזיסטירט זי נישט. ווייל ס'זענען פאַראַן גאַלאַקסן פון שטערן, וואָס זענען צענדליקער מיליאָנען ליכט־יאָרן ווייט, אַזוי ווייט, אַז אפילו דער בעס־טער טעלעסקאָפּ, ביז איצט, קען זיי נישט דערכאַפּן. עקזיסטירן זיי בכן נישט. אָבער אַז אַ טעלעסקאָפּ מיט מענטשן ביי זיינע גלעזלעך וועט זיי דערכאַפּן — וועלן זיי אָנהויבן צו זיין.

די מאָס איז: קאָנטאַקט מיט מענטשן. און וואָס מער קאָנטאַקט מיט וואָס מער מענטשן — אַלץ אַ גרעסערע מאָס פון עקזיסטענץ.

אַקסיאָם, געזעץ — פאַר אַלץ אין דער וועלט און אויך פאַר דער פּאָעזיע. און פּאָעזיע בכלל — און אידישע פּאָעזיע בפרט — האָט לעצטנס שטאַרק, שטאַרק פאַרלוירן קאָנטאַקט. פאַראַנען אויסנאַמעס — צוליב די אָדער אַנדערע סיבות — אָבער דער כלל איז: דער קאָנטאַקט איז פאַרלוירן. אַוודאי איז עס נאָר צייטווייליק, אָבער עס איז פאָרט אַזוי.

פאַראַן פענאָמענען אין דער וועלט, וואָס בייטן זיך קיינמאָל נישט, ווייל



זייער נאַטור איז: נישט זיך בייטן. עס בייט זיך נישט דאָס געזעץ פון גע־בוירן ווערן, זיך אַנטוויקלען, אָנהויבן וועלקן, פאַרוועלקן — און שטאַרבן. — — עס בייט זיך נישט דער ווילן פון עקזיסטירנדיקן „איך" צו זיין „איך" און טאַקע צו זיין וואָס מער. — — עס בייט זיך נישט די נויטווענדיקייט צו באַפרייען זיך פון דער איינזאַמקייט דורך ליבע — צו געליבטע, צו קינדער, צו קרובים און צו פריינט. — — עס בייט זיך נישט דער חשק צו פיזישער און גייסטיקער צופרידנקייט, גענוס און גליק. — — עס בייט זיך נישט די נויטווענדיקייט, חוץ זיך אויסצולעבן אין דער רעאַליטעט און ניכטערקייט — אויך זיך אויסצולעבן אין חלומות און אין פּאָעטישע, צום הימל שטרעבנדיקע און אין די הייכן שוועבנדיקע געפילן. דאָס גאַרן צו התלהבות, התפעלות, התרוממות, השתפכות הנפש.

און כדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן מוז דער מענטש אָנקומען צו איינעם, וואָס קען אים אין דעם העלפן, צום פּאָעט. אַזוי איז עס אַלעמאָל געווען; עס האָט זיך אָנגעהויבן ביים מענטש אין די היילן מיט פערציק טויזנט יאָרן צוריק און עס ציט זיך נאָך ביז היינט, ביז דעם מענטש, וואָס זיצט אין אַ ראַקעט און פליט אין חלל. אגב איז טאַקע די ערשטע שטויסקראַפט, וואָס האָט אַרויסגעשאָסן דעם מענטש אין חלל אַריין, געווען די פּאָעזיע און ערשט די צווייטע שטויסקראַפט — דער פּאָליטישער קידער־ווידער און גאָר די לעצטע, די דריטע שטויסקראַפט — דער פיזישער, עקספּלאָדירנדיקער שטאָף.

הקיצור: פּאָעזיע, פּאָעזיע, פּאָעזיע, און אויב שוין נישט פּאָעזיע ממש — ווערטער אין ריטמישע שורות — איז עס על כל פנים דאָס פּאָעטישע געפיל, די פּאָעטישע בענקשאַפט. און זי איז דעפיניטיוו דאָ אין יעדן מענטש. איז דאָך גוט!

זיינען אָבער געקומען די פּאָעטן אַליין און האָבן אויפגעשטעלט אַ וואַנט פון אומפאַרשטענדלעכקייט צווישן זיך און דעם מענטש, וואָס גאַרט צו דער פּאָעזיע און וויל פון איר געניסן. עס איז, ווי אַ סוחר (אַנטשולדיקט דעם שוין גאָרנישט פּאָעטישן משל! ער איז אָבער דער בעסטער און דער קלאָרסטער — און וועגן קלאָרקייט רעדט זיך עס דאָ.) וואָלט אין אַלע צייטונגען און ראַדיאָס אַנאָנסירט זיין סחורה, נאָר אַז דער קונה קומט צו צו דער שיינער און גרויסער קראָם — געפינט ער דאָרט אַ פאַרצוימונג פון שטעכיקן דראָט.

די פּאָעזיע פון דער וועלט בכלל און די אידישע וועלט־פּאָעזיע בפרט נויטיקן זיך אין אַ מעכטיקער, אַנטשלאָסענער, דראַסטישער, צילבאַוואוסטער קאָנטער־רעוואָלוציע! איר קלינגוואָרט: צוריק צום 2+2=4 אין דער פּאָעזיע! און נאָך אַ קלינגוואָרט: צוריק צו היינריך היינע!

איך זאָג הויך און דייטלעך: מען שרייבט ביי אונז אומפאַרשטענדלעך, אומפאַרשטענדלעך מער ווי עס איז נויטיק. מחמת אַביסל אומפאַרשטענד־לעכקייט איז נויטיק אַזוי ווי אַביסל זאַלץ צום איידלסטן, ראַפינירט־זיסן שאָקאָלאַד אָבער צופיל אומפאַרשטענדלעכקייט איז פונקט ווי מישן צופיל זאַלץ צו דער מתיקות. (און ווידער אַ צו־פּשטותדיק משל, אָבער פאָרט דאָס קלאָרסטע, ווי 2+2=4.)

יעקב גלאַטשטיין האָט אין זיין „פּראָסט און פּשוט" פון 7טן אַפּריל, 1961 (געדענקט: פּראָסט און פּשוט — הייסט דער קאָלום) מעדיטירט וועגן אַ מעשה מיט אַ משוגענער דיכטערין פון נאָרוועגיע און ביי דער געלעגנהייט פאַרטיי־דיקט דאָס רעכט פון פּאָעטן צו זיין אַזויפיל אומפאַרשטענדלעך ווי עס גלוסט זיך זיי.

דאָס איז זייער אינטערעסאַנט, אָבער עס מינערט נישט די וואַנט, וואָס שטייט צווישן דער פּאָעזיע און איר תיקון.

היינריך היינע איז בלי שום ספק איינער פון די גרעסטע ליריקער, וואָס די וועלט האָט אַרויסגעבראַכט, און ער איז אויך במילא אַוודאי איינער פון די גרעסטע ליריקער ביי אידן. היינע איז אַזוי גרויס, אַז מען קען זיך ביי אים לערנען, אים אפילו אין אַ געוויסן זינען אימיטירן און דערביי נישט זיין קיין פּלאַגיאַטאָר. אין אים איז מאַקסימום פון פּאָעטישן עלעמענט בכלל. אַז מען אימיטירט אים — איז אַזוי ווי מען אימיטירט עלעמענטן, אָט אַזוי ווי אַ מוזיקער אימיטירט דאָס געזאַנג פון דער נאַכטיגאַל.

ובכן און דעריבער האָבן מיר גענומען דעם נאָמען היינריך היינע אויף אַ דוגמא, ווען מיר האָבן געדאַרפט האָבן אַ נאָמען פון אַ פּאָעט פון אַן אַבסאָלוטער מאָס; אַ פּאָעט, וואָס נאָר בייזוויליקייט, אָדער פּערווערסיע קען אים נעגירן אַלס קלאַסישן וועלט־ליריקער.

מיר האָבן דאָ פריער געזאָגט, אַז אַ געוויסע דאָזע אומפאַרשטענדלעכקייט איז נויטיק ווי זאַלץ צו מתיקות, אויף אונטערצושטרייכן אָט די מתיקות.

און היינע האָט אין דעם זינען אַ חסרון — אין אַ גרויסן, אפשר דעם גרעסטן, טייל פון זיינע לידער פעלט אָט די דאָזע פון אומפאַרשטענדלעכקייט. וואַרפט דאָס אַ חשד...

וויל איך דאָ פרעגן: צו וואָס אייגנטלעך דאַרף מען די אומפאַרשטענדלעכקייט? אויף צו אַקצענטירן די שיינקייט, פּאָעטישקייט, מתיקות. מחמת די אומפאַרשטענדלעכקייט גיט אַ צופּ אין דער נשמה און צווינגט זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אומצוקערן צו דעם ליד. אָט צוליב דעם דאַרף מען עס. אַזוי ווי דער חוש הטעם, וואָס גיט אַ פרעג ביי דעם ביסל זאַלץ: ווי קומט זאַלץ צו זיס? און ער ענטפערט זיך אַליין: איצט איז דאָס זיסע נאָך זיסער.

איז דערפאַר אָבער אין היינעס לידער פאַראַנען אַן אַנדערער, נאָך מער סובלימירטער, עלעמענט ווי דאָס ביסל זאַלץ — עס איז פאַראַנען אין אים אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט, וואָס איז דאָ אין יעדן פון זיינע לידער, אַ בענקשאַפט, וואָס צווינגט די נשמה נאָך און נאָך אַמאָל זיך אומצוקערן צו יעדן ליד זיינעם — אייביק. אַזוי לאַנג ביז מען קען דאָס ליד פון אויסנווייניק ווי עס וואָלט אייגן־געשאַפן געוועזן. און אָט דאָס נאָגנדיקע בענקשאַפט־געפיל קאָמפּענסירט דאָס פעלנדיקע ביסל אומפאַרשטענדלעכקייט...

מיר האָפן, אַז מיר האָבן זיך שוין אַרויסגעוויקלט גענוג פון דעם ביסל אומפאַרשטאַנדלעכקייט, אין וועלכן מיר אַליין האָבן זיך פאַרוויקלט אין דעם דאָזיקן מאמר וועגן פאַרשטענדלעכקייט און אונזער געדאַנקענגאַנג איז איצט אַלעמען קלאָר.

און טאָמער איז נאָך אַלץ נישט קלאָר — נעמט אַרויס אייער היינע־אויסגאַבע, וואָס איר האָט זיכער אין שטוב, און זוכט אויס אין דער אָפּטיילונג „ראָמאַנצעראָ" דאָס ליד „דער אַזראַ". מסתמא דאַרפט איר עס גאָרנישט אויפזוכן אין בוך, ווייל איר קענט עס אויסנווייניק.

אויפצושרייבן אַ ליד איז ווי צו געבוירן אַ מענטש, מחמת אַ ליד — אַן אמתדיק ליד — איז אַ לעבעדיק און הויך־אינטעלעקטועל וועזן. און אַ מענטש, יעדער מענטש, איז דאָך אַ וועלט פאַר זיך. ובכן — אַ ליד, אַן אמתדיק און גרויס ליד — איז אַ וועלט.

און וויפיל מענטשן קען דען אַ נאָרמאַלער מענטש באַשאַפן: אַ טוצן. איז פאַרוואָס־זשע שרייבן די מייסטע דיכטער מער ווי אַ טוצן לידער? עס



איז דערפאַר ווייל אַ ליד איז פאָרט נישט קיין לעבעדיקער מענטש, וואָס — איינמאָל אים באַשאַפן, קען מען אים שוין נישט מער צוריקרופן. מען קען מיט באַשאַפן מענטשן נישט עקספּערימענטירן — אָבער מיט לידער מעג מען יאָ עקספּערימענטירן. און פון די 480 עקספּערימענטן — וואָס דאָס איז די דורכשניט־ציפער פון אַ נאָרמאַלן דיכטערס לידער — קריסטאַליזירן זיך אַרויס די 12 יסוד־לידער. אָפּטמאָל זענען זיי אַפילו אַזוי קונציק פאַרבאָרגן צווישן די 480, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן, אַז ס'איז שווער אויף זיי דייטלעך מיטן פינגער צו טייטלען.

אָבער דאָס איז שוין אַן ענין פאַר זיך.

און אָט־אָ די דאָזיקע צוועלף לידער מוזן זיין אַזוי דייטלעך און קלאָר — מיט דעם ביסל אומפאַרשטענדלעכקייט אין זיי! זאָל מיינס איבערגיין! — אַז וועגן יעדן פון זיי זאָל מען קענען גאַנצע טראַקטאַטן, יאָ, גאַנצע ביכער שרייבן; און יעדעס פון זיי איבערלייגן אויף מוזיק. וואָרום אַ גרויס ליד ווערט פערציק טעג פאַר זיין געבוירן ווערן אין דער נשמה פון דיכטער מזווג מיט זיין ניגון. וואָרום קודם כל ווערט געבוירן דער ניגון פון אַ ליד. און עס איז דאָ נישט וויכטיק, וואָס די מייסטע לידער — אפילו די גרויסע, בלייבן אויף דער וועלט איינזאַם און זייער זיווג קומט קיינמאָל נישט צו זיי אויף דער ערד אַראָפּ. סיי ווי דער ניגון איז דאָ אין די לידער. דער עיקר איז, אַז מען קען אָט די לידער איבערלייגן אויף מוזיק.

מיר זענען אָנגעקומען צום סוף פּסוק פון אונזערע באַמערקונגען און מיר דאַרפן אַרויסברענגען אויספירונגען. און אסור אונז אויב מיר ווייסן וויאַזוי ווירקזאַם צו פאַרענדיקן אָט דעם מאמר.

פאַרענדיקן אים מיט אַ חברישן רוף? ווייסן מיר דאָך וואויל, אַז ווען מען אַפּעלירט צו שפּעריש מענטשן, אַז זיי זאָלן גיין קיין מזרח, וועלן זיי דווקא גיין קיין מערב — און פאַרקערט.

און פאָרט מוזן מיר פאַרענדיקן מיט אַ ווענדונג.

די דערפאַרונג לערנט, אַז די מאָמענטאַנע רעאַקציע איז טאַקע „פּונקט פאַרקערט", אָבער ערגעץ־וואו זינקט טיף אַ פרעמדער געדאַנק, אויב ער האָט אַ לאָגיק אין זיך — און מיר האָפן, אַז ער האָט — און אין דער געהעריקער צייט געדייעט ער און ער רייפט צו אַ טאַט. מען אַסימילירט סוף כל סוף דעם געדאַנק אַזוי, אַז מען פילט מיט דער צייט נישט מער, אַז מען האָט אַמאָל אַנדערש רעאַגירט און אָפּאָנירט.

און אָט איז די ווענדונג — זי איז ווי $2+2=4$.

לאָמיר — איידער מיר לאָזן אַרויס אויף דער אָפענער וועלט אונזערע לידער — פריער איבערמעסטן זיי מיט דער מאָס פון פּאָעטישער קלאָרקייט, לאָמיר זיי איבערמעסטן מיט אַ מאָס, וואָס מיר וועלן איר אַ נאָמען געבן: היינריך היינע. מיר האָבן זיך דווקא קאָנצענטרירט אויף דעם דאָזיקן נאָמען — ווייל ער אַנטהאַלט טאַקע ממש די סטאַנדאַרט־מאָס פון גוטער, גרויסער, פאַרשטענדלעכער דיכטונג. דיכטונג, וואָס קען דערגיין און ווירקן; דיכטונג, וואָס איז דערגאַנגען צו איר דור, צו דורות נאָך איר דור, וואָס איז דערגאַנגען צו דער מענטשהייט. און, אגב, דיכטונג, וואָס האָט משפּיע געוועזן די ערשטע פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור — יצחק לייבוש פּרץ, און כמעט יעדן פון אונזערע בעסטע דיכטער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

לאָמיר געבן אונזער דיכטונג אַ תיקון. לאָמיר ווידער דערפילן אמתן, האַרציקן קאָנטאַקט מיט אונזערע לייענער, מיט אונזערע צוהערערס. דאָס קען

נאָר דעמאָלט געשען, אויב מען וועט אונז טאַקע און אויפריכטיק פאַרשטיין. לאָמיר נישט קומען צו אונזערע לייענערס מיט רעטענישן און נייערט מיט באַשיידונגען.

לאָמיר שרייבן גרויס און קלאָר — אַזוי ווי עס איז דאָס אייביקע געזעץ, וואָס איז וואָר געווען נאָך איידער בראשית, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר. און זאָלן אונזערע שורות זיין גרויס אין זייער שיינעם ריטעם — אויך ווי צוויי מאָל צוויי.

*

יעקב גלאַטשטיין

## צוויי מאָל צוויי פּלוס

כ׳וויל גלייך, ביים אַרויספאָר, אויסדריקן אַ דאַנק דעם גוטן חבר מלך ראַוויטש, וואָס האָט מיר דערלויבט אַ פּריוואַטע לייענונג פון זיין פייערלעכער פּראָקלאַמאַציע צו אַלע אידישע פּאָעטן, איידער זי האָט אַ הילך געטאָן אויף די זייטן פון דער „סביבה״. ס׳קומט אויך אַ דאַנק אונזער אָנפירערין פון דער „סביבה״ קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, וואָס האָט מסכים געווען אויף אַ „פּרעוויו״ פון דעם דראַמאַטישן אויפרוף, איידער ער האָט אויפגעשאַלט און אָפּגעקלונגען אין רשות הרבים.

זאָל דאָ גלייך ביים אָנהויב אָנגעוויזן ווערן, אַז הגם איך האָב נישט געקענט אויפזוכן מיין „פּראָסט און פּשוט״, וואָס פון אים ציטירט ראַוויטש, אַז איך זאָל האָבן „פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון פּאָעטן צו זיין אַזויפיל אומפאַרשטענדלעך ווי עס גלוסט זיך זיי״, און כאָטש כ׳בין זיכער אַז איך האָב דעם זאָג אַרומגערינגלט און אַרומגעוואָרנט מיט גאַנץ פעסטע רעזערוואַציעס, אַז דער „ווי עס גלוסט זיך זיי״ איז נישט געווען אַזוי ברייט און „אַנאַרכיסטיש״ ווי ראַוויטש וויל האָבן, וועל איך פונדעסטוועגן נישט אַמפּערן זיך מיט אים איבער דעם ציטאַט, ווייל מיר גלוסט זיך אָפּצופּרעגן מיט עטלעכע ווערטער ראַוויטשעס אומקלאָרן באַגריף וועגן קלאָרקייט און אומקלאָרקייט אין לידער.

איידער כ׳קום צום ענין לידער, וויל איך אָנווייזן אויף עטלעכע פּאָעטישע ליצענצן און אומקלאָרקייטן אין ראַוויטשעס גאַנץ פּראָזאַאישן אויפרוף. אויב פּאָעזיע איז לויט ראַוויטשן מחויב צו זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך, איז דאָך אַ פּשיטא, אַז פּראָזע וועגן ענין קלאָרקייט דאַרף אַוודאי זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך. לאָזט זיך אויס, אַז די צווייאיקייט מאָל צווייאיקייט וואָס ראַוויטש פּאָדערט פון פּאָעטן, אַנטהאַלט אין זיך אַ שלל מיט אומפאַרשטענדלעכקייטן, און איידער מיין חבר ראַוויטש וועט מיט מיר נישט לערנען פּשט און אויפקלאָרן די פאַרהוילענע שטעלן, איז פאַר מיר שווער אויפצונעמען זיין אומפאַרשטענדלעכן רוף פאַר קלאָרקייט.

ראַוויטש שרייבט, אַז ער פאַרקריגט זיך מיט „דער מאָדערנער און אולטראַ־מאָדערנער פּאָעזיע״ און מיט די „אולטראַ־מאָדערנע״ אידישע פּאָעטן.



דאָס איז אַ זאַץ פול מיט רמזים. כ׳ווייס נישט וואָס ער מיינט מיט מאָדערנער פּאָעזיע און וואָס ביי אים הייסט אולטראַ־מאָדערנע, סיידן כ׳זאָל אָננעמען אַז די צעטיילונג באַציט זיך אויף דער גראַד אומפאַרשטענדלעכקייט פון די פּאָעטן און זייערע לידער. אויב אַזוי, איז מיר בפירוש אומקלאָר, ווי אומפאַרשטענדלעך אַ מאָדערנער פּאָעט דאַרף זיין און וואָס פאַר אַ מאָס קלאָרקייט ער מוז פאַרמאָגן, אַז ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין כף הקלע פון די „אולטראַ־מאָדערנע״. ווידער פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס ער לאָזט אַרויס פון צעטל די „מאָדערנע״ אידישע פּאָעטן און נעמט זיך בלויז צו די „אולטראַ־מאָדערנע״. האָט ער מיט די „מאָדערנע״ אידישע פּאָעטן שלום געמאַכט, אויב אַזוי — וואָס זיינען די שלום־באַדינגונגען?

פאַרשטיי איך שוין אויך נישט ראַוויטשעס גוזמא, אַז אַ ליד איז אַ „דיסטילירטע און קאָנדענסירטע וועלט״. אַ וועלט קאָן מען אפשר ווי עס איז קאָנדענסירן, איינשרומפּען, זאָגן מיר, מיט פלי־מכשירים, אָבער דיסטילירן אַ וועלט, איז אַביסל שווערער צו באַנעמען. איך בין אָבער ליבעראַל גענוג צו דערלויבן ראַוויטשן מער אומפאַרשטענדלעכקייט, ווי ער איז גרייט צו שענקן פּאָעטן.

אומפאַרשטענדלעך איז אַוודאי ראַוויטשעס פלי אין די הימלען, ווען ער פאַרזיכערט אונז, אַז דער פּאָעט איז דער באַהעלפער, וואָס קאָן דעם מענטש העלפן אַרויסגעשאָסן צו ווערן אין חלל. ווען ראַוויטש דערטאַפּט אַזאַ שורה ביי אַ פּאָעט, וואָלט ער עס פאַרצייכנט פאַר אומקלאָר, אָדער נאָך ערגער — פאַר אומלאָגיש, ווייל אומוויסנשאַפטלעך. אַזאַ שורה וואָלט פון דעם פּאָעט אפשר צוגענומען דעם קאָנטאַקט פון מי יודע וויפל ערנסטע לייענערס. זיי וואָלטן געטענה׳ט, אַז די פּאָעטישע בילדלעכקייט פון פליען אין די הימלען, איז שאַבלאָניזירט געוואָרן ביז אומלאָגישקייט, מיטן פלי פון אַ גאַגאַרין, שעפּאַרד אָדער טיטאָוו.

ראַוויטש אָפּערירט אויך מיט גאַנצע באַגריפן וואָס זיינען מיר אַבסאָלוט אומקלאָר, ווייל זיי רופן אין מיר נישט אַרויס קיין שום קאָנטאַקט מיט דעם זאָגער. כ׳קאָן נאָך מער־וויניקער פאַרשטיין, וואָס עס מיינט אַזוינס אַבסטראַקט — געפיל, אָדער בענקשאַפט, אָבער ווען מען לייגט צו דעם אַדיעקטיוו — פּאָעטיש אי צו געפיל, אי צו בענקשאַפט און מען זאָגט, אַז אַזאַ מין געפיל איז בפירוש דאָ אין יעדער מענטשן, הויב איך עס נישט אָן צו פאַרשטיין וויפיל איך זאָל נישט רופן היינען צו הילף. מיר דאַכט זיך, אַז אַ פּאָעט וואָס גייט אַרויס צו מלחמה, ביבליש גערעדט, מיט אולטראַ־מאָדערנע פּאָעטן, וואָלט אַליין געמעגט זיין אָפּגעהיטענער מיט אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע רייד.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי היינען, מוז איך זאָגן אָט וואָס: מיר איז אַ וואונדער אויף דעם עטישן חבר ראַוויטש, וואָס באַוואָרנט זיך מיט אַ פּאָעטישן פעטער היינע און וואָס זידלט — אָט ווי איר הערט — זידלט אָן גלייך יעדן איינעם וואָס דערוועגט זיך צו זאָגן אַ קרום וואָרט אויף היינען. גיט זיך ראַוויטש אַ כעסדיקן זאָג, אַז היינע איז „אַ פּאָעט וואָס נאָר בייזוויליקייט אָדער פּערווערסיע קאָן אים נעגירן אַלס קלאַסישן וועלט־ליריקער״. פאַרשטיי איך נישט און איך טשעפּע זיך אסור נישט צו ווערטער, וואָס פאַר אַ טיטל עס איז — וועלט־ליריקער, ווען ווערט מען אַ קלאַסישער וועלט־ליריקער, און פאַרוואָס זאָל אַזאַ גוטער מענטש און מזג טוב ווי ראַוויטש

לכתחילה אַנזידלען אַפּילו איין מענטשן, אויב יענער האַלט נישט אַז היינריך היינע איז טאַקע די אַלע גוטע זאַכן וואָס ראַוויטש רעכנט אויס, און אַז דערפאַר דאַרף מען היינעס ספּעציפישע פּאָעטישע קלאָרקייט באַשטימען ווי אַ מאָס פאַר דער היינטצייטיקער אידישער פּאָעזיע?

און אַז מיר רעכענען שוין אויס אומפאַרשטענדלעכקייטן אין ראַוויטשעס רוף צו אידישע פּאָעטן, איז מיר ערשט אומקלאָר ראַוויטשעס ביי זיך אַליין אָפּגעדונגענער קאָמפּראָמיס, אַז אַביסל אומפאַרשטענדלעכקייט איז פּאָרט נויטיק, ווי זאַלץ צו שאָקאָלאַד. דאָ עפנט ערשט ראַוויטש די טיר פאַר גאָר גרויסע סכנות. ער וואָרנט קעגן „צופיל אומפאַרשטענדלעכקייט", אָבער ער שענקט אידישע פּאָעטן אַ נדבה פון אַביסל אומפאַרשטענדלעכקייט. ווער זאָל זיין דער מעסטער און וועגער אויסצוגעפינען, ווען דאָס ביסל הויבט אָן ווערן צופיל און וויפיל דאַרף וועגן דאָס ביסל, אַז עס זאָל חלילה נישט אָפּפרעמדן דעם לייענער, וועמענס ריטער ראַוויטש איז געוואָרן.

וואָס מיינט בכלל — גלאַט אַ לייענער און וויפיל אומפאַרשטענדלעכקייט מעג מען אויף אים אָנשיקן, און אויב אַ לייענער קאָן שוין פאַרטראָגן אַ קאַפּיטשקע אומפאַרשטענדלעכקייט אין אַ ליד, צי וועט אַזאַ לייענער נישט קולטיווירן אַ חשק צו וועלן, אויב נישט אַביסל מער אומפאַרשטענדלעכקייט, איז כאָטש אַביסל ווייניקער צעקייטע קלאָרקייט און פאַרשטענדלעכקייט?

נאָר ערגער ווערט ווען מען נעמט אָן אויף אַן אמת ראַוויטשעס מתנה פון אַביסל אומפאַרשטענדלעכקייט, מיט דער גאַנצער מאַטעמאַטיק פון צוויי מאָל צוויי איז פיר. די מאַטעמאַטישע קלאָרקייט פון צוויי מאָל צוויי מוז אויך ווערן אַביסל פאַרנעפּלט און מאַטעמאַטיש וועט מען עס מוזן אַזוי פאָרמולירן: צוויי × צוויי + אַביטל אומפאַרשטענדלעכקייט = 4 + עקס אָדער גאָר 4 — עקס. אגב, וועט דער לייענער מיר אַנטשולדיקן אויב איך פאַרבייט ראַוויטשעס צוויי און צוויי אויף צוויי מאָל צוויי. ראַוויטש וויל עס מאַכן אַזוי קלאָר מיטן נאָמען פון זיין אַרטיקל, אַז ער וויל אַפילו נישט אַרויס פון די ראַמען פון חיבור און ריזיקירן מיט אַ כפל.

ראַוויטש וואַרפט זיך אין זיין רוף מיט פּאָעטיזאַציעס, אַז אָנשרייבן אַ ליד איז ווי געבוירן אַ מענטש. וועל איך זיך אָנטאָן אַ כוח און זיך אָנשטרענגען צו פאַרשטיין דעם פאַרגלייך, שוין אַפילו מיט די ווייען, אָבער וואָס איז מיר אַבסאָלוט אומפאַרשטענדלעך איז ווען ער זאָגט, אַז אַ ליד איז אַ לעבעדיק און הויך־אינטעלעקטועל ווען. ווי קאָן אַ הויך־אינטעלעקטועל ווען אויסקומען מיט צוויי און צוויי איז פיר? קאָן אַ הויך־אינטעלעקטועל ווען טאַקע רעדוצירן אַלץ צו אַזאַ ווילדער קלאָרקייט?

מיין חבר ראַוויטש שטעלט אַוועק אַ ציפער פון 480 לידער, וואָס אַ דורכשניט־דיכטער דאַרף שרייבן, כדי אַרויסצושלאָגן פון זיי, נאָך אַ ריי עקספּערימענטן, צוועלף יסוד־לידער. מיר געפעלן גראָד די דאָזיקע כאַפּלאַפּ ציפערן, אָבער נישט דערפאַר ווייל זיי זיינען גרינטלעך סטאַטיסטיש, אָדער קלאָר און פאַרשטענדלעך, נאָר דווקא ווייל זיי זיינען מיסטישע ציפערן. 480 לידער אַנטהאַלט שוין די פיר און אַכט, די צוועלף יסוד־לידער. 480 טיילט זיך גלייך אויף צוועלף און דער ענטפער איז פערציק. דאָס מיינט, אַז אויף יעדער פערציק לידער קומט אויס איין יסוד־ליד. אָנגענומען אַז



אַ דורכשניטלעכער פּאָעט איז אַ מין סמבטיון, וואָס רוט שבתים און ימים־טובים, וועלן מיר קומען צום אויספיר, אַז שרייבנדיק אַפילו נישט מער ווי אַ ליד אַ וואָך, וועט אים געלינגען אָנצושרייבן ווינציקסטנס אַ יסוד־ליד איינמאָל אַ יאָר. מיט די 480 לידער קאָן ער פאַרטיק ווערן אין צוועלף יאָר. ער זאַמלט אָן זיינע צוועלף יסוד־לידער און ער קאָן זיך צוריקציען פון דער שאַרפער פּאָעטישער קאָנקורענץ. ווי מיר זעען, איז עס אַ גאַנצע מאַטעמאַטיק און ס'איז שוין אַ סך טיפער און העכער ווי דער פּשוטער חיבור פון צוויי + צוויי. דער ענין ווערט ערשט קאָמפּליצירטער, ווען אַ פּאָעט פאַרגלוסט זיך נישט צו רעזיגנירן און ער אַרבעט אָן מער ווי זיין אָנגעצייכנטן טוצן יסוד־לידער. צי מעג ער כאָטש אין די לידער זיך פאַרגינען צו זיין אַביסל מער ווי אַביסל אומפאַרשטענדלעך? ווייל נאָך אַלעמען זיינען דאָך די לידער געשענקטע לידער און אַ געשענקט ליד מעג מען דאָך אָננעמען באהבה, מיט אַלע קאַפּריזן פון די מער ווי צוועלף גרונט־לידער.

סיידן אפשר לערנען מיר פּשט, אַז וויבאַלד דער פּאָעט איז אומפאַרשטענדלעך, קאָן שוין זיין ליד ממילא נישט ווערן קיין יסוד־ליד. איז דאָך דערפון קלאָר, אַז די אולטראַ־מאָדערנע פּאָעטן, מיט וועמען מלך ראַוויטש וויל זיך פאַרקריגן, זיינען מסתמא ביטערע אביונים, וואָס מחמת זייער אולטראַ־מאָדערניזם, לייען — אומפאַרשטענדלעכקייט, האָבן זיי צווישן זייערע 480 לידער נישט אָנגעשריבן קיין איין יסוד־ליד, איז דאָך נישט שייך זיך צו קריגן מיט אַזעלכע קאַבצעניוקעס.

איז שוין, זעען מיר, גאַנץ קלאָר, וויפיל אומקלאָרקייט ראַוויטש האָט זיך אַליין דערלויבט אין זיין פּראָקלאַמאַציע פאַר קלאָרקייט. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

ראַוויטש זאָגט זייער קלאָר, אַז מיט באַשאַפן מענטשן קאָן מען נישט עקספּערימענטירן. אַז מען וויל קאָן מען אויך דאָס אָפּפרעגן, ווייל וואָס איז קינסטלעכע באַפרוכפּערונג, אָדער קאָנסערווירטע זרע, ווי אַ שוץ קעגן אַטאָמישער פאַרוויסטונג, אָדער גענעטישער אָפּקלייב, אויב נישט עקספּערימענטן? נאָר מיר וועלן עס לאָזן גיין ווי עס שטייט — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן; און איך בין כמעט ווי זיכער אַז מען טאָר נישט — אָבער ווען ראַוויטש דערקלערט, אַז „מיט לידער מעג מען יאָ עקספּערימענטירן", און גאַנצע 480 מאָל, פרעגט זיך אַ קשיה, אויף וואָס דאַרף מען אַזויפיל מאָל עקספּערימענטירן מיט — קלאָרקייט, און צי איז טאַקע מעגלעך, אין פּראָצעס פון עקספּערימענטאַציע, אַרויסצושיילן קלאָרע יסוד־לידער, אויב זיי וועלן זיין אַ פּראָדוקט פון עקספּערימענטן?

גאָר־גאָר אומפאַרשטענדלעך ווערט מיר ראַוויטש, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַוועקגעלייגט אַ כלל, אַז אַ ליד מוז דערציילן אַ מעשה, ווען ער איז איצטער מוסיף, אַז אַ ליד דאַרף מען קאָנען „איבערלייגן אויף מוזיק". איך פאַרשטיי לחלוטין נישט דעם זין פון אַזאַ געזעץ. מיינט עס איבערלייגן אַ ליד אויף איר אייגענער אינווייניקסטער מוזיק, אָדער מיינט עס אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. דער זין פון ראַוויטשעס זאַץ פירט צו דער הנחה, אַז עס מוז זיך לאָזן „מוזיצירן". פון וועמען? ס'זיינען דאָך פאַראַן אַזעלכע מוזיקערס, וואָס ווען זיי רירן זיך צו צו אַ ליד, זיינען זיי מבייש דאָס ליד. אַנדערע גוטע מוזיקערס נויטיקן זיך אַבסאָלוט נישט אין דער קוואַליטעט

פון ליד; אדרבא, וואָס ווייניקער דאָס ליד שטייט זיי אין וועג מיט גרויסע מעלות, אַלץ גרינגער איז זיי צו שאַפן די מוזיק. אויב אַ גוט ליד דאַרף תמיד וואַרטן אויף אַ מוזיקאַלישן זיווג, איז עס דאָך אומפאַרענדיקט, מעג דאָך דער לייענער אַוודאי וואַרטן ביז דער ריכטיקער מוזיקער וועט דערפון מאַכן אַ לייט.

נאָכדעם ווי ראַוויטש רופט מיט אַן אומפאַרגעבלעכן מוט, אין אונזער רעוואָלוציאָנערער צייט, צו אַ מעכטיקער „קאָנטער־רעוואָלוציע אין דער פּאָעזיע", פאַרענדיקט ער מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, זוכנדיק דעם קאָנטאַקט מיטן לייענער; און ווער נאָך ווי ראַוויטש ווייסט אַזוי וואויל, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ באַשעפעניש, ווי אַן אַבסאָלוטער לייענער און אַז דאָס פּראָבלעם פון לייענער ווערסוס פּאָעט איז זיכער נישט אין פּראָפּאָרציע צו דער אַזוי־גערופענער קלאָרקייט פון ליד; אַז פאַר געוויסע לייענער פון „קלאָרע" לידער וועט אַפילו ראַוויטשעס קלאָרקייט אויסזען איינשטייניש־אומפאַרשטענדלעך; אַז ראַוויטש וואָלט זיך נישט געוואָלט באַרימען מיט דער פּאָפּולאַריטעט ביי טייל לייענערס, וואָס זייער סטאַנדאַרט פאַר קלאָרקייט וואָלט ראַוויטשן געגעבן מאַטעריאַל פאַר אַ נייער דיסערטאַציע. נאָכדעם ווי ראַוויטש וויל אָנקניפּן קאָנטאַקט מיט „אונזערע צוהערערס" דורך פאַרשטענדלעכקייט, קומט ער מיט זיין פייערלעכן רוף צו די פּאָעטן, צו די „אולטראַ־מאָדערנע" אידישע פּאָעטן (ווייל די אַנדערע, נעמען מיר אָן, טוען דאָך סיווי שרייבן צוויי און צוויי לידער), מיט אַ קרעשטשענדאָ פון קאָלאָסאַלער אומקלאָרקייט:

„לאָמיר שרייבן גרויס און קלאָר — אַזוי ווי עס איז דאָס אייביקע געזעץ, וואָס איז וואָר געווען נאָך איידער בראשית, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, און זאָלן אונזערע שורות זיין גרויס אין זייער שיינעם ריטעם — אויך ווי צוויי מאָל צוויי".

מיר איז לגמרי נישט קלאָר, וואָס אייגנטלעך ס'איז וואָר געווען „נאָך איידער בראשית". דאָס איז „פּאָעזיע" און אומקלאָרע פּאָעזיע. דעמאָלט ווען דער האַר פון תוהו ובוהו האָט אַ געשריי געטאָן אויף דעם אור־שטויב און אים איבערגעשראָקן און אָנגעהויבן עקספּערימענטירן מיט טעג און נעכט, מיט פיש, פייגל, חיה, מענטש, מיט מענער־ריפּ און ברודער מאָרד, בין איך נישט גאַנץ זיכער צי צוויי מאָל צוויי האָט שוין עקזיסטירט, צי עס איז געווען וואָר און צי ביי אונזערע מעגאַטאָן־באָמבעס קאָן מען עס טאַקע אַסעקורירן און רופן אייביק געזעץ.

וואָס מיינט אַזוינס — „שורות וואָס זענען גרויס אין זייער שיינעם ריטעם" איז מיר צענפאַך אומקלאָר, ווייל „גרויסע שורות" און „שיינער ריטעם" פאַרמאָגן מטושטשדיקע אַדיעקטיוון. איך פערזענלעך, קאָן אַוודאי נישט דיפערענצירן אַ מיאוסן ריטעם פון אַ שיינעם ריטעם. ווען ראַוויטש ענדיקט זיין פלאַמיקן רוף פאַר קאָנטער־רעוואָלוציע מיט דער דערקלערונג, אַז די שורות און דער ריטעם דאַרפן זיין „אויך ווי צוויי מאָל צוויי", בלייב איך זיצן אַ געפּלעפּטער און זאָג, אַז איידער איך לאָז זיך אַוועק אויף ריזיקאַלישע וועגן פון קאָנטער־רעוואָלוציע אין דער פּאָעזיע, און איידער איך אַדאָפּטיר היינריך היינען פאַר אַ וועגווייזער פאַר היינטצייטיקער אידישער פּאָעזיע וועט מיר מיין טייערער פריינט מלך ראַוויטש מוזן קלאָרער אויפקלאָרן ווי אַזוי זיינע פּראָיעקטירטע צוויי מאָל צוויי שורות וועלן העלפן גרעסער און שענער מאַכן דעם גאַנג פון דער אידישער פּאָעזיע.



רחל קאָרן

## אַ פאַרשפּעטיקטער פרילינג

אַ פאַרשפּעטיקטער פרילינג אין פאַרנאַכטיקן דעמער,
און אַלץ אַזוי אויסטערליש פרעמד —
דער הימל אין מערב לאָזט דער נאַכט זיך אַנטקעגן
אין אַ פאַרבלוטיקטן העמד.

און אומזיסט פּרואווט פאַרשטעלן מיט שפּראָצנדע בלעטער
דער בוים אין זיין קרוין די פויגלשע נעסט —
עס לויערן שוין גיריק־צעפינקלטע אויגן
פון טכוירן און קעץ אין גזילה־פאַרמעסט.

און כ'ווייס נישט, צי ס'האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן,
צי כ'האָב טאַקע דערהערט אַ רוף,
און אַ זיפץ, ווי ס'וואָלט זיך אַ האַרץ אָפּגעשטעלט
אין מיטן פון שלאָף.

*

יצחק באַשעוויס

## דער זוהן

1.

די שיף פון ישראל האָט געזאָלט אָנקומען צוועלף אַזייגער באַטאָג, אָבער זי האָט זיך געהאַט פאַרשפּעטיקט. זי האָט געלאַנדט אין ניו־יאָרקער האָפן אין אָוונט, און ערשט דעמאָלס האָב איך געמוזט וואַרטן אַ צייט ביז מ'וועט אַראָפּלאָזן די פּאַסאַזשירן. דער דרויסן איז געווען הייס און רעגנדיק. אַ המון מענטשן איז געקומען אָפּוואַרטן די שיף. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז דאָ דערביי: אַסימילירטע אידן, און רבנים מיט לאַנגע בערד און פּיאות; מיידלעך מיט נומערן אויף די אָרעמס פון היטלערס לאַגערן און באַאַמטע פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט געפּאַקטע פּאָרטפעלן; ישיבה־בחורים אין סאַמעטענע קאַפּעלאַטשן און מיט ווילד־צעוואַקסענע בערדלעך, און וועלטלעכע דאַמען מיט געריזשטע פּנימ'ער און רויטע נעגל אויף די פינגער פון די פיס. כ'האָב מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז כ'וואויין־ביי אַ נייעם אָפּשניט אין דער אידישער געשיכטע. ווען האָבן אידן געהאַט שיפן? און אויב יאָ, זענען זיי געשוואומען קיין צור און צידון, נישט קיין ניו־יאָרק. אויב אַפילו ניטשעס משוגענע טעאָריע וועגן דער אייביקער איבערחזרונג איז ריכטיק, וואָלט געדאַרפט דויערן קוואַדריליאָנען און קוואַנטיליאָנען עפּאָכן אַז אַ קליינע טייל דערפון וואָס קומט איצט פאָר זאָל האָבן צושטאַנד־געקומען פריער. נו, אָבער ס'איז אַלץ פונדעסטוועגן לאַנגווייליק און איבערדריסיק. כ'האָב אָפּגעמאָסטן יעדן איינעם פון דעם עולם און זיך יעדעס מאָל געפרעגט דאָס אייגענע: מיט וואָס איז ער מיין ברודער? מיט וואָס איז זי מיין שוועסטער? די ניו־יאָרקער ווייבער האָבן זיך געפּאָכעט, גערעדט אַלע אויף אַמאָל מיט הייזעריקע שטימען, זיך געקוויקט מיט שאָקאָלאַד און קאָקאָ־קאָלאַ. אַ נישט־אידישע תקיפות האָט אַרויסגעבויערט פון זייערע

בליקן. ס׳איז שווער געווען צוצוגלויבן אַז זייערע לייבלעכע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע זענען מיט אַ פּאָר יאָר פריער געגאַנגען צו דער שחיטה ווי שאָף. מאָדערנע אָרטאָדאָקסישע יונגעלייטלעך מיט פּיצעלעך קאַפּעלעך, ווי פלאַסטערס פאַרבאָרגן צווישן די געדיכטע שעוועליורן, האָבן גערעדט הויך אויף ענגליש, פּיפּיק זיך געוויצלט מיט די מיידלעך וואָס זייער אויסזען און הלבשה האָט נישט געוויזן קיין שום צייכן פון רעליגיע. אפילו די רבנים זענען דאָ אַנדערש ווי מיין טאַטע און זיידע. זיי האָבן אויסגעקוקט וועלטלעך־קלוג און אַמעריקאַניש געניט. כמעט אַלע, חוץ מיר, האָבן זיך געהאַט באַזאָרגט מיט דערלויבענישן אַרויפצוגיין אויף דער שיף. זיי האָבן משונה־גיך געשלאָסן קאַנטשאַפטן, זיך געטיילט מיט אינפאָרמאַציע, ווייסנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ. פון דער שיף האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען אָפּיצירן פון דער מאַנשאַפט, די גלותדיקע היימישקייט פאַרבאָרגן הינטער אוניפאָרמען, שליפעס, באַגילדטע קנעפּ. זיי האָבן גערעדט דאָס העברעאיש מיט גויאישע טענער.

איך בין געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ זוהן וואָס איך האָב אים שוין נישט געזען צוואַנציק יאָר. ער איז אַלט געווען פינף יאָר ווען כ׳האָב מיך געשיידט מיט זיין מוטער. איך בין געפאָרן קיין אַמעריקע, זי — קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. אָבער איין רעוואָלוציע איז, אפּנים, געווען פאַר איר ווייניק. זי האָט פאַרלאַנגט אַ „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע״ און מ׳וואָלט זי דאָרט, אין מאָסקווע, געווען ליקווידירט ווען זי וואָלט נישט געהאַט קיין צד אין די הויכע פענצטער. די מומעס אירע וואָס זענען אויסגעזעסן אַלע פּוילישע תפיסות פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָבן זיך געמיט פאַר איר און מ׳האָט זי צוזאַמען מיטן קינד דעפּאָרטירט קיין טערקיי. פון דאָרט האָט זי זיך דערשלעפּט קיין פּאַלעסטינע און אויפגעצויגן דעם זוהן אין אַ קיבוץ. איצט איז ער געקומען צו מיר צו־גאַסט.

ער האָט מיר געהאַט געשיקט אַ פאָטאָגראַפיע פון דער צייט ווען ער האָט געדינט אין מיליטער און זיך געשלאָגן מיט די אַראַבער, אָבער זי איז נישט קיין קלאָרע. דערצו איז ער דאָרט אָנגעטאָן זעלנעריש. ערשט איצט, אַז די ערשטע פּאַסאַזשירן האָבן זיך גענומען ווייזן, איז מיר אויפגעפאַלן אַז כ׳האָב נישט קיין גענויעם באַגריף ווי מיין זוהן זעט־אויס. איז ער הויך? איז ער נידריק? זענען אים די בלאָנדע האָר געוואָרן טונקל מיט די יאָרן? דאָס אָנקומען פון דעם דאָזיקן זוהן קיין אַמעריקע האָט מיך צוריקגעשלעפּט צו אַ תקופה וואָס האָט שוין געהערט צו דער אייביקייט. ער האָט אויפגעטויכט פון דעם אַמאָל ווי אַ חלום אָדער אַ פאַנטאָם. נישט ער האָט אַריינגעפּאַסט אין מיין איצטיקער היים און נישט אין מיינע פאַרהעלטענישן אויסער דער היים. כ׳האָב נישט געהאַט פאַר אים נישט קיין צימער, נישט קיין געלעגער, נישט קיין געלט, נישט קיין צייט. ווי די דאָזיקע אידישע שיף מיט דער ווייס־בלויער פאָן און דעם מגן־דוד, האָט ער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אויסטערלישע קאָמבינאַציע פון דעם געוועזענעם און דעם היינט. ער האָט מיר געהאַט געשריבן אַז פון אַלע שפּראַכן וואָס ער האָט געפּלאַפּלט אין די קינדעריאָרן — אידיש, פּויליש, רוסיש, טערקיש — קאָן ער בלויז העברעאיש. כ׳האָב געוואוסט פאָראויס אַז מיט דעם ביסל לשון־קודש וואָס איך קאָן פון חומש און פון דער גמרא, וועל איך זיך נישט קאָנען מיט אים פאַנאַנדערשמועסן. אַנשטאָט צו רעדן צו מיין זוהן, וועל איך דאַרפן שטאַמלען, נישטערן אין ווערטער־ביכער...



דאָס געדראַנג און דער רויש איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. אַלע האָבן געטומלט, געשריגן, זיך געשטופּט מיט דער גוזמאדיקער פרייד פון יענע וואָס האָבן פאַרלוירן די מאָס פאַר וועלטלעכע דערגרייכונגען. ווייבער האָבן געהוילט מיט היסטערישע קולות. מאַנסלייט זענען זיך פאַרגאַנגען מיט הייזעריקע שטימען. פאָטאָגראַפיסטן האָבן פאָטאָגראַפירט. רעפּאָרטערן האָבן גענומען איילקע אינטערוויוען. ס׳איז געשען מיט מיר ס׳אייגענע וואָס טרעפט אַלעמאָל ווען כ׳קום צווישן מענטשן: אַלע איבעריקע ווערן איין געזינדל און איך בלייב אַ דרויסנדיקער. קיינער האָט צו מיר נישט גערעדט און איך האָב זיך צו קיינעם נישט געווענדט. דער סודותדיקער כוח וואָס האָט זיי אַלע צונויפגעהאָפטן, האָט מיך פון זיי אָפּגעשיידט. אויגן האָבן מיך אַ מעסט געטאָן פאַרווירט און ווי געפרעגט שטומערהייט: וואָס טוט ער דאָ? כ׳האָב נאָך אַ צעגערניש געפּרואווט עפּעס פרעגן ביי עמיצן, אָבער יענער האָט מיך, ווייזט אויס, נישט געהערט ווייל ער האָט אַ צעיאַכמעטער אַוועקגעשפּאַנט אין מיטן. כ׳האָב פונקט אַזוי געקאָנט זיין אַ גייסט. נאָך אַ ווייל האָב איך באַשלאָסן דאָס וואָס כ׳באַשליס אַלעמאָל אין אַזוינע פאַלן: צו מאַכן שלום מיטן גורל. כ׳בין געשטאַנען אין אַ ווינקל און געזען אַלעמען אַרויסקומען. כ׳האָב דורכגעפירט אין געדאַנק אַ סאָרט סעלעקציע. צווישן די אַלטע און די מיטליעריקע איז מיין זוהן זיכער נישט פאַראַן. עמיץ מיט פעך־שוואַרצע האָר, ברייטע פּלייצעס, פייערדיקע אויגן — קאָן אויך נישט שטאַמען פון מיינע לענדן. אָבער אָט האָט אויפגעטויכט אַ בחור מאָדנע ענלעך צו יענעם סאָלדאַט פון דער פאָטאָגראַפיע: הויך, מאָגער, אַביסל געבויגן, מיט אַ לענגלעכער נאָז און אַ שמאָלן קין. דאָס איז ער! — האָט עפּעס אין מיר אַ געשריי געטאָן. כ׳האָב זיך געטאָן אַ ריס צו אים צוצולויפן. ער האָט עמיצן געזוכט. אַ טאַטישע ליבשאַפט האָט זיך אומגעריכט אויפגעוועקט אין מיר. די באַקן זיינע זענען געווען איינגעפאַלן. אַ קרענקלעכע בלאַסקייט איז געלעגן אויף זיין פּרצוף. ער איז שלאַף! ער האָט די שווינדזוכט! — האָט עפּעס אין מיר גערופן. כ׳האָב שוין געעפנט דאָס מויל אַ רוף צו טאָן גיגי (אַזוי האָט מען מיין אינגל גערופן קליינערהייט), ווי ס׳האָט זיך צוגעקייקלט צו אים אַ דיקע דאַמע און אים איינגעקלאַמערט אין די אָרעמס. איר געוויין איז אַריבער אין אַ בילעריי. באַלד איז אָנגעלאָפן אַ גאַנצע כאָפּטע קרובים. מ׳האָט מיר געהאַט אויסגעכאַפּט אַ זוהן וואָס איז נישט מיינער. ס׳איז געווען דערין אַ סאָרט גייסטיקע קידנעפּינג. די פאָטערלעכע געפילן מיינע האָבן זיך פאַרשעמט און אין איילעניש אָפּגעטראָטן אויף צוריק אין יענעם באַהעלטעניש וואו געפילן קאָנען אָפּליגן יאָרן און נישט טאָן קיין פּיפּס. מיר האָט זיך געדוכט אַז כ׳בין רויט פון חרפּה פאַר מיינע פאַרפאַטשטע עמאָציעס. כ׳האָב ביי מיר אָפּגעפּאַסט פון איצט אָן צו וואַרטן געדולדיק און זיך נישט אַריינצולאָזן אין פּריצייטיקער צעגיסעניש. אויף אַ ווייל האָבן די פּאַסאַזשירן אויפגעהערט אַרויסצוקומען, און איך האָב געטראַכט ביי זיך: וואָס איז איבערהויפּט אַ זוהן? מיט וואָס זענען מיינע זוימען מיר נענטער ווי פון עמיצן אַנדערש? וואָס פאַראַ ווערט האָט די פאַרוואַנדשאַפט פון בלוט־און־פלייש? מיר זענען אַלע שוים פון דעם אייגענעם ביאָלאָגישן קעסל. מיט אַ צאָל דורות צוריק האָבן די אַלע פרעמדע אוודאי געהאַט אַ בשותפותדיקן עלטער־זיידן. און אין צוויי דורות שפּעטער וועלן די איצטיקע נאָענטע זיך זיין פרעמד. ס׳איז אַלץ צייטווייליק, פאַרגייענדיקע מאָדוסן, בלעזלעך פון איין ים, מאָך פון איין געמויזעכץ. וויבאַלד מ׳קאָן נישט ליב האָבן אַלעמען, דאַרף מען קיינעם נישט ליב האָבן...

די פּאַסאַזשירן האָבן ווידער אָנגעהויבן אַרויסקומען. דריי בחורים זענען אַרויס מיט אַמאָל. איך האָב יעדן פון זיי געפּאָרשט. ניין, קיינער פון זיי איז נישט גיגי, און אויב אַפילו יאָ, וועט מען אים סיִווי נישט אויסכאַפּן. ס׳איז געווען אַ דערלייכטערונג ווען יעדער פון דעם דריילינג איז אַוועק מיט עמיצן אַנדערש. קיין איינער פון זיי איז מיר נישט געפעלן. זיי האָבן אַלע געהערט צום המון. איינער פון זיי האָט אפילו געוואָרפן אויף מיר פון הינטערוויילעכץ אַ קריגערישן בליק, ווי ער וואָלט אויף אַ מיסטעריעזן שטייגער אויפגעכאַפּט מיינע גרינגשעצערישע טראַכטענישן וועגן אים און זיינסגלייכן...

2.

וויבאַלד ער איז מיין זוהן, וועט ער אַרויסקומען דער לעצטער — איז מיר איינגעפאַלן, אַז ווי וואויל דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ השערה, האָב איך געוואוסט ביי מיר אַז אַזוי וועט געשען. כ׳האָב זיך געהאַט אָנגעגורט מיט געדולד און מיט יענעם יאוש וואָס לויערט שטענדיק אין מיר, גרייט צו אימוניזירן מיינע דורכפאַלן, צו צוימען יעדן דראַנג זיך אַרויסצורייסן פון די אייגענע גרעניצן. כ׳האָב איצט באַטראַכט יעדן פּאַסאַזשיר, גרייט צו טרעפן פון זיין צורה און הלבשה — דעם כאַראַקטער און די פּערזענלעכקייט. אפשר האָט זיך מיר בלויז געדוכט, נאָר יעדעס פּנים האָט מיר אויפגעדעקט סודות. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז כ׳וויס גענוי ווי ביי יעדן אַרבעט דער מוח. דערביי האָבן אַלע געהאַט אין זיך עפּעס בשותּפות׳דיקס: די מידקייט פון דער נסיעה אויפן ים, די אויפגערייצטקייט און אומזיכערקייט פון אָנקומען אין אַ נייער מדינה. אַלעמענס אויגן האָבן ווי געפרעגט אָפּגענאַרטע: איז דאָס אַמעריקע?... דאָס מיידל מיטן נומער אויפן אָרעם האָט בייז געשאָקלט מיטן קאָפּ: די גאַנצע וועלט איז איין אוישוויץ... אַ ליטווישער רב מיט אַ גרוי קיילעכדיק בערדל און אַרויסגעבאַלטע אויגן, האָט געטראָגן מיט זיך אַ ספר. ס׳האָט אים אָפּגעוואַרט אַ בינטל ישיבה־בחורים. ווי נאָר ער האָט זיי באַגעגנט, האָט ער גלייך גענומען דרשנ׳ען, מיט דעם כעס׳דיקן ברען פון יענע וואָס זענען דערגאַנגען דעם אמת און ווילן אים וואָס גיכער פאַרשפּרייטן. כ׳האָב געהערט ווי ער זאָגט: תּורה... תּורה... כ׳האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג אים צו פרעגן: פאַרוואָס האָט די תּורה נישט באַשיצט די זעקס מיליאָן אידן פון היטלערס גאַז־קאַמערן? אָבער צו וואָס פרעגן ווען כ׳וויס אַליין דעם ענטפער: כי לא מחשבותי מחשבותיכם... קידוש־השם איז די העכסטע זכיה... איין פּאַסאַזשיר האָט גערעדט דייטשמעריש — נישט דייטש און נישט אידיש, נאָר אַ קוידערוועלש פון שמר׳ס ראָמאַנען, און — ווי אויסטערליש! — יענע וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט, האָבן געפּלוידערט אויף דעם אייגענעם לשון...

כ׳האָב מיר אָפּגעגעבן אַ רעכענונג אַז אין דעם גאַנצן תּוהו־ובוהו הערשן פּרעציזע געזעצן. די טויטע בלייבן טויט. די לעבעדיקע האָבן זייערע זכרונות, חשבונות, פּלענער. ערגעץ וואו אין די גריבער אין פּוילן וואַלגערן זיך נאָך די קופּעס אַש פון די פאַרברענטע. אין דייטשלאַנד ליגן איצט די געוועזענע נאַציס אין די בעטן, יעדער מיט זיין צעטל מאָרדן, פּייניקונגען, גאַנצע און האַלבע פאַרגוואַלדיקונגען. ס׳מוז ערגעץ זיין אַ ווייסער וואָס ווייסט יעדע מחשבה פון אַ מענטש, יעדן ווייטאָג פון אַ פליג, יעדן קאָמעט, מעטעאָר, יעדן מאָלעקול אין דער ווייטסטער גאַלאַקס. כ׳האָב זיך ווי דורכגעשמועסט מיט אים: נו, אַלמעכטיקער ווייסער, ביי דיר איז אַלץ רעכט. האָסט די גאַנצע אינפאָרמאַציע און דעריבער ביזטו אַ חכם. אָבער



וואָס זאָל איך טאָן מיט מיינע ברעקלעך אינפאָרמאַציע?... יאָ, כ׳מוז וואַרטן אויף מיין זוהן... די פּאַסאַזשירן האָבן ווידער געהאַט אויפגעהערט אַרויסקומען און מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז אַלע זענען שוין אויסגעשטיגן. כ׳בין געוואָרן אָנגעשפּיצט. איז ער נישט געקומען מיט דער דאָזיקער שיף? האָב איך אים פאַרזען? אפשר איז ער אַריינגעשפּרונגען אין ים?... כמעט אַלע זענען אַרויס פון וואַרט־זאַל און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז מ׳גרייט זיך אויסצולעשן די לאָמפּן. וואָס זאָל איך איצט טאָן? כ׳האָב געהאַט אַ פאָרגעפּיל אַז עפּעס אַ שטרויכלונג וועט טרעפן דעם דאָזיקן זוהן וואָס איז צוואַנציק יאָר צייט געווען פאַר מיר אַ וואָרט, אַ נאָמען, אַ שולד אין מיין געוויסן...

מיטאַמאָל האָב איך אים דערבליקט. ער איז אַרויסגעקומען פּאַמעלעך, מיט אַ קווענקלעניש און מיט אַן אויסדרוק ווי ער וואָלט זיך נישט גערעכנט עמעץ זאָל אים אָפּוואַרטן. ער איז געווען ענלעך צו דער פאָטאָגראַפיע, אָבער שוין עלטער. ס׳איז געווען אין זיין פּנים און אין דער קליידונג אַ יוגנטלעכע צעקנייטשטקייט, די צעקנוידערטקייט און אָפּגעכוימעלטקייט פון אַ יונגנמאַן וואָס וואַלגערט זיך שוין יאָרן אין דער פרעמד, איז שוין אַ סך דורכגעגאַנגען און איז אַלט פאַר דער צייט. די בלאָנדע האָר זענען געשטאַנען צעשויבערט, אין צויטן, און מיר האָט זיך געדוכט אַז ס׳שטעקן אין זיי שטרויעלעך און הייעלעך ווי ביי יענע וואָס נעכטיקן אין שייערן. די העלע אויגן האָבן געשמיכלט און געמרוזשעט הינטער די ווייסלעכע ברעמען מיט דעם בלינדלעכן שמייכל פון אַן אַלבינאָ. ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ פּעקל איינגעוויקלט אין פּאַק־פּאַפּיר און אַ הילצערן טלומיקל ווי אַ רעקרוט. אנשטאָט אים גלייך אַקעגנצולויפן, האָב איך אָפּגעוואַרט אַ ווייל און געגאַפט אויף אים. די פּלייצע זיינע האָט זיך שוין באַצייטנס געבויגן, נישט ווי ביי אַ ישיבה־בחור, נאָר ווי ביי עמעצן וואָס טראָגט יאָרן לאַנג לאַסטן. ער האָט אויסגעזען גערעכטן אין מיר, אָבער כ׳האָב דערקאָנט אין אים שפּורן פון אַנדערן צד, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט מיט מיר פאַרשטענדיקן. אַפילו אין אים, דעם פּראָדוקט, האָבן די קעגנערישע שטריכן נישט געהאַט קיין האַרמאָניע. דער מאַמעס ליפּן האָבן זיך נישט געפּאָרט מיט דעם טאַטנס קין. די אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־קישעלעך האָבן נישט געפּאַסט צו דעם הויכן שטערן. ער האָט זיך אומגעקוקט באַדעכטיק אין ביידע זייטן און די מינע זיינע האָט גוטמוטיק געזאָגט: אוודאי, ער איז מיך נישט געקומען באַגעגענען... איך האָב זיך דערנענטערט און אומזיכער געפרעגט:

— אתה גיני?

ער האָט געטאָן אַ לאַך.

— כן, אני גיני...

מיר האָבן זיך געקושט און די שטעכיקע באָרד אויף זיינע באַקן האָט אַ רייב־געטאָן מיין פּנים ווי אַ ריבאייזן. ער איז מיר געווען פרעמד, אָבער דערביי האָב איך געוואוסט אַז איך בין אים אקוראַט אַזוי געטריי ווי יעדער אַנדערער טאַטע. מיר זענען געשטאַנען שטיל, מיט דעם צוזאַמענהאַנג וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין ווערטער. אין איין רגע האָב איך באַנומען וואָס דער דאָזיקער יונג איז און ווי איך דאַרף זיך מיט אים באַגיין. ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט דריי יאָר מיליטער, אַ ביטערע מלחמה; ער האָט שוין געהאַט ווער־ווייסט וויפל מוידן, אָבער ער איז געבליבן שעמעוודיק ווי ס׳קאָן

נאָר זיין אַ מאַנסביל. איך האָב גענומען ריידן צו אים העברעאיש, אַ קאַפּעלע פאַרבליפּט פון מיין אייגענער קענטשאַפט. כ׳האָב גלייך געקראָגן די אויטאָריטעט פון אַ פאָטער און ס׳זענען אויסגערונען אַלע אינהיביציעס. כ׳האָב געפּרואווט נעמען זיין טלומיקל, אָבער ער האָט עס מיר נישט געוואָלט געבן. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אינדרויסן וואַרטן אויף אַ טאַקסי, אָבער אַלע טאַקסיס זענען שוין געהאַט אַוועק. דער רעגן האָט געהאַט אויפגעהערט. די גאַס ביים האַפן האָט זיך אויסגעשטרעקט אַ נאַסע, הינטערשטאָטיש־טונקל, שלעכט־ברוקירט, דער אַספאַלט פול מיט גריבער וואַסער וואָס ס׳האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי שטיקער אָנגעגליטער הימל, נידריק און רויט ווי אַ מעטאַלענע דעק. די לופט האָט געשטיקט. ס׳האָט געבליצט, אָבער נישט געדונערט. איינציקע טראָפּנס זענען געפאַלן פון דער הויך און ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי איז דאָס שפּריי פון פריערדיקן רעגן, אָדער שפּריצן פון אַ נייעם. ס׳האָט מיר עפּעס נישט געפּאַסט וואָס ניו־יאָרק אַנטפּלעקט זיך צו מיין זוהן באַלד פון אָנהויב אַזוי חושכ׳דיק און אָפּגעכוימלט; כ׳האָב געהאַט די אייטעלע אַמביציע אים צו ווייזן וואָס גיכער די שענערע פּערטלען פון דער שטאָט; אָבער מיר האָבן אָפּגעוואַרט פופצן מינוט און קיין טאַקסי האָט זיך נישט באַוויזן. ס׳האָט זיך שוין דערהערט דער ערשטער דונער. ס׳איז נישט געבליבן קיין אַנדערע עצה ווי זיך צו לאָזן גיין צופוס.

מיר האָבן ביידע גערעדט אין דעם אייגענעם נוסח; קורץ, שאַרף. מיר האָבן זיך נישט גענויטיקט אין קיין לאַנגע רייד, — ווי אַלטע חברים וואָס קאָנען איינער דעם אַנדערנס מחשבות. ער האָט מיר ווי געזאָגט אָן ווערטער: כ׳פאַרשטיי אַז דו האָסט נישט געקאָנט הויזן מיט מיין מוטער. כ׳האָב נישט צו דיר קיין תרעומות. כ׳בין אַליין אויך געקנעטן פון דיין טייג... איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַראַ סאָרט איז דאָס מיידל וואָס וועגן איר האָסטו מיר געשריבן?

— אַ וואויל מיידל. איך בין געווען איר מדריך אין קיבוץ. זי איז שפּעטער אַוועק מיט מיר אין מיליטער.

— וואָס טוט זי אין קיבוץ?

— אין שטאַל.

— זי האָט כאָטש שטודירט?

— מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין גימנאַזיע.

— ווען וועט איר חתונה האָבן?

— אַז כ׳וועל צוריקקומען. די עלטערן פאַרלאַנגען מיר זאָלן שטעלן אַ חופּה...

ער האָט עס געזאָגט אויף אַ שטייגער וואָס האָט געהייסן: אַוודאי, מיר ביידע נויטיקן זיך נישט אין אַזוינע צערעמאָניעס, אָבער עלטערן פון טעכטער האָבן אַן אַנדערע לאָגיק...

כ׳האָב צוגערופן אַ טאַקסי און ער האָט האַלב פּראָטעסטירט: צו וואָס אַ טאַקסי? מיר וואָלטן געקאָנט גיין צופוס... איך קאָן שפּאַנען מיילן... כ׳האָב געהייסן דעם טרייבער פאָרן איבער דער צוויי־און־פערציקסטער גאַס, איבער דעם באַלויכטענעם טייל פון בראָדוויי און דערנאָך זיך פאַרקערן אויף דער פינפטער עוועניו. גיגי איז געזעסן און אַרויסגעקוקט דורך דער שויב. כ׳האָב קיינמאָל נישט אַזוי שטאָלצירט מיט די וואָלקנקראַצערס און די ליכטער פון בראָדוויי ווי יענעם אָוונט. ער האָט געקוקט און געשוויגן. כ׳האָב ערגעץ־וואו באַנומען אַז ער טראַכט איצט פון דער מלחמה מיט די אַראַבער און



די אַלע געפאַרן וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אויפן שלאַכטפעלד; אָבער די כוחות וואָס פירן מיט דער וועלט האָבן, אפשר, געהאַט באַשערט ער זאָל קומען קיין ניו־יאָרק, זיך זען מיט זיין טאַטן. כ׳האָב ווי געהערט זיינע געדאַנקען הינטערן שיידל. ער האָט, גלייך ווי איך, זעט־אויס, זיך געגריבלט אין די אייביקע פראַגן. ווי אויסצופּרואוון מיין טעלעפּאַטישן כוח, האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— ס׳זענען נישטאָ קיין צופאַלן. אויב דו לעבסט, האָסטו געדאַרפט בלייבן לעבן.

ער האָט אומגעקערט צו מיר דעם קאָפּ אַ פאַרחידוש׳טער.

— העי, דו ביזט אַ יודע מחשבות?...

און ער האָט געשמייכלט געפּלעפּט, נייגעריק, סקעפּטיש, אַשטייגער ווי איך וואָלט אים נאָר־וואָס אָפּגעטאָן עפּעס אַ פּאָטערלעך שפּיצל...

*

חיים גראַדע

## אין מדבר אַריזאָנאַ

אין מדבר אַריזאָנאַ, אין „די בערג פון אָבערגלויבן״,
דערזע איך אַ געשטאַלט וואָס קוקט דורך דימענטענע שויבן.
אויך ווייט אויף מערב הייבט זיך אָן מיין אָוונט און באַגינען
מיט איר געשטאַלט, וואָס איז פאַרקאַלכט געוואָרן אין מיין זינען.

אַ שטראָף האָט זי גענומען — אין אַ פעלדז זיך איינצושליסן,
ווייל זי איז אָן רחמנות און ניט קלוג איז איר געוויסן;
און אָנטרויען געוויסן אַ ניט־קלוגן בעל־נסיון,
איז ווי אַ מענטשן, ווילד פון גרימצאָרן — אַ האַק געטרויען.

מיין שרעק פאַר איר איז אַלט און געצנדינעריש־אַרכייאיש,
ווי אַלט און ביטער ס׳איז מיין ליבשאַפט וואָס זי איז מבייש;
ווי אוראַלט ס׳איז דאָס זינדיקע און שיכורע געלעכטער,
וואָס ס׳לאַכן אין די בערג פון אָבערגלויבן — מואָבס טעכטער.

איך בין דער נביא בלעם און אויף זיבן בערגלעך שטיי איך.
די זון גייט אויף און איטלעך בערגל ברענט ווי אַ מזבח.
נאָר וואָס איך בין ניט מקריב, ווערט מיין קרבן אַ פאַרשווועכטער,
ווייל אין די פלאַמען וויקלען זיך הויל־נאַקעט מואָבס טעכטער.

איך בין דער נביא בלעם און איך בענטש ווען איך וויל שעלטן.
איך זע ניט נאָענט אַרום זיך, דאָך זע איך ווייטע וועלטן.
איך בין אַ צויבערער און קען פון ליים באַשאַפן
אַ געטלעכע פאַנטערע, וואָס וועט מיך דערנאָך פאַרשקלאַפן.

איך בין אַ זעער און אַנטפּלעק פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען.
נאָר איך אַליין בין מיין פאַרלאַנג אַ בלינדער נאָכגעגאַנגען
און אַזש אַהער פאַרבלאָנדזשעט... בלעם פון ארם־נהרים!
און שטיינער זיינען מיינע קעפּ־ווייבער און בעלי־חיים.

„מה טבו אהליך!" שריי איך און איך בענטש די שבטים.
דאָך הער איך ניט קיין עכאָ, פיל אין ערגעץ ניט קיין אָטעם.
ווייל איך בין ניט אין מדבר מיטן באַרג פון משה׳ס טאָוול,
אַפילו ניט אין מדבר אויפן וועג קיין גלות־בבל.

פון סיני־באַרג און פון די בערג אין קעניג מואָב׳ס פרשה
דערזעט מען ביז מיידאַנעק און די פייערן פון וואַרשע.
אין מדבר אַריזאָנאַ אָבער זעט מען בלויז די שטיינער,
און אין די בערג פון אָבערגלויבן זעט מען זיך אַליין נאָר.

אַ גרוב איז אין מיין האַרץ געבליבן פון דעם ספר תהילים,
און בלויז דאָס בלאָנדזשעניש און פחד פון מכשף בלעם;
און אויך מיין ליבע־ליד מיט שיר־השירימדיקע טויבן
געוואָרן איז אַ שטיינבילד אין די בערג פון אָבערגלויבן.

די נאַכט פאַלט־צו אין פייערדיקן מדבר אַריזאָנאַ,
און אַלץ ווערט פּראָסטיק־בלוי אין קילן שיין פון דער לבנה,
און יעדער שטיין ליגט שטום און בלינד, אָן עלטערן, אָן קינדער,
און אַלע שטיינער מאַכן מיך נאָך שטומער און נאָך בלינדער.

ווען איך קען איצט מתפלל זיין און בעטן אויף מחילה,
וואָלט איך געבעטן אויך פאַר אַלע שטיינער אין מיין תפילה,
ווייל יעדער שטיין זעט אויס אַ קריפּל פון אַ מענטש, אַ מפיל,
אַ גוף אָן הענט און פיס, אַ קאָפּ מיט לעכער, אָן שוואַרצאַפּל.

אַוועק אַ טאָג און איך האָב גאָרניט פון דעם טאָג געלערנט.
דער הימל ווערט מיט גרויסע קאַקטוס־בלומען אויסגעשטערנט.
איך הער אַ קול וואָס וויינט און זוכט מיך אין די קאַלטע הייכן,
און בלויז מיין האַרץ קען הויך אַזוי ביז דעם געוויין דערגרייכן.

*

אהרן צייטלין

## לאַבאָראַטאָריש גערעדט

(ווייטערדיקע באַמערקונגען)

מיינע באַמערקונגען אין פריערדיקן נומער („פּאַראַגראַפן וועגן פּאָעטישן אימאַזש") איגנאָרירן באַוואוסטזיניק די פאַרעלטערטע איינטיילונגען פון דער חכמת־הסטיליסטיקע: מעטאַפאָר, פאַרגלייך (סימיל) וכדומה. ס׳איז אָדער־אָדער: אָדער אימאַזש, אָדער מליצה. וואָס איז אַ מעטאַפאָר? על־פּי רוב נישט מער ווי אַן אַסאָציאַציע, וואָס קוואָקעט אויף אַ בילד. נישטאָ קיין לאַנג־ווייליקערע און קיין אומקינסטלערישערע זאַך, ווי יענע פּאָעזיע, וואָס פּלאָנטערט זיך אין אַסאָציאַטיווער מעטאַפאָריק און מיינט, אַז זי איז בילדעריש. כאָטש זי איז פול מיט מליצה־קוועטשעניש, באַרימט זי זיך, אַז זי איז, חלילה, נישט זאָגעריש. און טאַקע: זאָגן זאָגט זי גאָרנישט. אפילו ווען זי איז קורץ



שבקורץ — רעדט זי צופיל, וואָרום אַלץ, וואָס זי לאָזט הערן, איז איבעריק.

וואָס איז מיטן פאַרגלייך? דער „ווי", פונקט ווי ער איז נישט בכוח צו פאַרוואַנדלען רעטאָריק אין אַ בילד, אַזוי האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געשטערט אַן אימאַזש צו זיין דאָס וואָס ער איז. אָט איז אַ ביישפּיל פון אַ פאַר־גלייך, וואָס איז פאַר זיך אַליין אינטערעסאַנט, ווערט אָבער נישט קיין בילד: „ליטע, מיין אָבות־לאַנד, דו ביסט ווי דאָס געזונט; ווי שטאַרק מ׳דאַרף דיך שאַצן ווייס יענער נאָר, וואָס האָט דיך פאַרלוירן". מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרגלייך, וואָס האָט, אמת, זיין חן און זיין שאַרפקייט. אָבער ווער וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַן אימאַזש? ווען פּושקין זאָגט וועגן דעם שטור־רעם: אָט צעוואָיעט ער זיך ווי אַ חיה, אָט צעוויינט ער זיך ווי אַ קינד, — טאָר מען נישט באַטראַכטן יעדע שורה באַזונדער (אין טעקסט איז די חיה אין איין שורה, דאָס קינד — אין אַ צווייטער), וואָרום באַטראַכט באַזונדער זיינען עס באַנאַליטעטן. אָבער זע אַ וואונדער: גענומען צוזאַמען איז דאָס צוזאַמענברענגען חיה און קינד עפּעס אַזוינס, וואָס רופט אַרויס אַ בילד, אַזוי, אַז די ווי׳ס (ווי אַ חיה, ווי אַ קינד) זיינען לכל־הדעות עפּעס מער ווי בלויזע פאַרגלייך־ווי׳ס *).

כ׳האָב אין די פריערדיקע באַמערקונגען געבראַכט אַ פּאָעטישן אימאַזש פון אַ פּראָזאַאיקער, פון י. באַשעוויס׳ן: די לופט ווערט בלוי ווי בלעטער פון אַלטע ספרים. עס איז, האָב איך געזאָגט, אַן אימאַזש אַ באַדינגטער (פּאַסיק פאַר אַ ספּעציפיש אָרט און אַ ספּעציפישער סביבה), אָבער אַן אויסגעצייכנטער אין זיין איינמאָליקייט. אויך דאָ האָבן מיר דעם „ווי", אָבער דער „ווי" מאַכט נישט דאָס בילד פאַר אַ פאַרגלייך, פאַר אַ בלויז רעטאָרישער פאָרם. מע זעט די לופט אין איר ספּעציפישער, אין איר איינמאָליקער בלויקייט.

כדי קלאָר צו מאַכן, פאַרוואָס „ליטע, מיין אָבות־לאַנד" איז „ווי דאָס געזונט", האָט מיצקעוויטש געדאַרפט דעם ענין אויסטייטשן. ווייזן דעם „ווי" זיינעם האָט ער נישט געקאָנט. ממילא קאָן מען נישט זאָגן, אַז ער האָט „ליטע" און „געזונט" צונויפגעפירט בילדעריש. אין אַ בילד, ווי: די לופט ווערט בלוי ווי בלעטער פון אַלטע ספרים, זיינען אַזעלכע צוויי ווייטע זאַכן, ווי לופט און בלעטער פון ספרים, געוואָרן פאַרשייכות׳ט. טאַקע דאָס איז די אייגנטלעכע פונקציע פון אַן אימאַזש: נעמען אומשייכות׳ן און זיי מאַכן שייכות׳דיק אויף אַזאַ אופן, אַז מיר זאָלן דערפילן די מעטאַפיזישע צווישן־שייכות פון זאַכן בכלל.

קוקט זיך צו צום בילד: צוארך כמגדל־השן צופה פני דמשק. נישט וויכטיק, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַן עלפנביין־טורעם, וואָס האָט „געקוקט" קיין דמשק. דמשק און דער עלפנביין־טורעם ווערן אַ גאַנצקייט, וואָס לאָזט זען דעם האַלדז. זיי ווערן צונויפגעפירט פון אינעווייניק.

דאָ קומען מיר פון בילד צו גראַם. אין תוך טוט דער גראַם דאָסזעלבע וואָס דאָס בילד. אויך דער גראַם בינדט צונויף זאַכן, וואָס לאָגיש האָבן זיי צווישן זיך קיין שייכות נישט. און דווקא דאָס — דאָס שייכ׳דיק מאַכן זאַכן,

*) אַ ביישפּיל פון אַ זייער שלעכטן, צעצויגענעם, אויסגעטראַכטן פאַרגלייך — ביי ט. ס. עליאָט׳ן: „... זיך אויסדרייענדיק מיד, אָט ווי מ׳זאָל זיך אויסדרייען אַ שאָקל־צו־טאָן אַ זיי־געזונט צו ראָשפּוקאָ (פאַרוואָס נישט פּיאָטר דער גרויסער, אָדער כדרלעומר? — א. צ.), ווען די גאַס זאָל זיין צייט און ער (ראָשפּוקאָ) זאָל זיך געפינען ביים עק פון דער גאַס". ווען די באָבע (פלעגט מען זיך ווינצלען אין וואַרשע) וואָלט געהאַט רעדער, וואָלט זי געווען אַ טראַמוואַי.

וואָס זיינען על־פּי־שכל נישט־שייכ׳דיק — גיט דעם גראַם זיין חן. דער גראַם איז פון יענע שדכנים, וואָס האָבן אַ טבע צונויפצופירן „אַ וואַנט מיט אַ וואַנט". אויף אַ באַשטימטער מדרגה פון „וואַנט־צו־וואַנט"־צונויפפירונג איז דער גראַם באַזונדערס גוט אין הומאָר, סאַטירע, גראָטעסק. אויף אַ העכערער מדרגה פון צונויפפירונג, אויף דער מדרגה פון פאַראייניקן פאַרשיידנקייטן, איז ער גוט אין יענער פּאָעזיע, וואָס מען טיילט־אויס אַלס מיסטיש, הגם אויף אַ געוויסער הויך קאָן גאָר פּאָעזיע נישט זיין עפּעס אַנדערש.

דאָס הייסט נישט, אַז דער גראַם מוז אַלעמאָל זיין אַ „מקרב רחוקים". נישטאָ אין פּאָעזיע — אין קונסט בכלל — קיין מוז־זאַכן. די פּסעוודאָ־קלאַסיציסטן האָבן געשטעלט אויפן אינדעקס אַזעלכע — ווערליק זייער געשמאַק — נישט־פּאָעטישע ווערטער, ווי הונט און קו. אין די צייטן, ווען יידיש־פּאָעזיע האָט בירעבידזשאַנעוועט, זיינען געווען אויפן אינדעקס רעליגיעז־אידישע ווערטער און באַגריפן (שפּעטער, אין דער היטלער־צייט, האָבן נעכטיקע בירעבידזשאַניקעס, בדרך־כלל מענטשן אָן רעליגיעז געפיל, גענומען מליצה׳דיק גאָט־עווען). אַלע ווערטער זיינען גוט אין אַ ליד, אויב דאָס ליד איז גוט. אַלע ווערטער זיינען שלעכט אין אַ ליד, אויב דאָס ליד איז שלעכט. דאָסזעלבע איז מיט גראַם. אַ גראַם־וואָרט איז קודם־כל אַ וואָרט אין אַ ליד. מוז עס ממילא — פּונקט ווי אַלע אַנדערע ווערטער — זיין אַן אָרגאַנישער טייל פון אַ גאַנצקייט. פון דעם קוק אַרויס קאָן אפילו דער גרעסטער גראַם־קעגנער נישט האָבן קיין טענה צו אַ וואָרט, וואָס גראַמט זיך. די פראַגע הויבט זיך אָן דאָרט, וואו דער גראַם מאַכט שבת פאַר זיך. זאָג איך: דער גראַם איז באַרעכטיקט צו מאַכן שבת פאַר זיך ערשט נאָכדעם ווי ער איז באַרעכטיקט ווי אַ וואָרט צווישן די ווערטער אין אַ ליד. דאָס הייסט, אויב ער איז נישט איבעריק ווי אַ וואָרט, מעג ער ווייזן וואָס ער קען ווי אַ גראַם.

אויב ער פאַרבינדט איינפאַלדיק די ווייטסטע זאַכן, — אויב ער פאַרבינדט, למשל, קלעאָפּאַטרע׳ן מיט די טאַטרען צי גאָר, להבדיל, מיטן שר מטטרון, — קאָן ער עס טאָן אויב ער האָט, ווי אַ וואָרט, נישט ווי אַ גראַם דווקא, געקראָגן דאַרויף די הסכמה פון אַלע אַנדערע ווערטער. ער קויפט זיך, קאָן מען זאָגן, אַ פּריווילעגיע נאָכדעם ווי ער באַווייזט זיין געטריישאַפט צו — דעמאָקראַטיע.

דאָס מיינט אָבער נישט, ווידעראַמאָל, אַז דער גראַם מוז זיין אַ „מקרב רחוקים". אויב ער דאַרף, מעג ער פאַרבינדן אויך אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען ממילא נאָענט. קיין מוז איז נישטאָ. דער גראַם איז אַ פרייער בירגער.

ס׳האָט אַמאָל אַ ניו־יאָרקער אידישער דיכטער געפּרואווט אויפשטעלן די טעאָריע, אַז גראַמען מוזן זיין אָדער לאָגיש דערגאַנצנדיק, אָדער לאָגיש קאָנטראַסטירנדיק. ווען מ׳זאָל אַזוי סכעמאַטיזירן דעם גראַם וואָלט ער זיך אָן אַ פּאַספּאָרט נישט געטאָרט רירן, אַחוץ וואָס ער וואָלט געוואָרן אַ מוראדיקער נודניק. וואָס־זשע טוט גאָט? איז דער פשט באַלד פון אָנהויב פאַלש געלערנט: אַ גראַם האָט טאַקע צו טאָן מיט שייכות׳ן, אָבער מיט שייכות׳ן לאָגישע האָט ער צו טאָן בלויז על־פּי־צופאַל, בעת אין תוך איז זיין עובדא צו געפינען שייכות׳ן אויסערלאָגישע.

דאַרף מען בכלל האָבן גראַמען?

קלאָר: פּונקט ווי אַ ליד קאָן זיך אויפהויבן איבערן בילד, אַזוי קאָן זיך עס אויפהויבן איבערן גראַם. די צרה איז, וואָס די געוויינלעכע אומגראַמיקייט נעמט זיך נישט פון שטייגן איבערן גראַם, נאָר פון זיין אונטערן גראַם.



די שטאַרק פאַרשפּרייטע אומגראַמיקייט נעמט זיך נישט פון מייסטערישן נישט־באַדאַרפן, נאָר פון גאָרנישט־מייסטערישן נישט־קענען. דאַרף מען וויסן: אויב איך מייד־אויס באַשטימטע פאָרמען בלויז דערפאַר, וואָס איך באַהערש זיי נישט, ווער איך נאָך נישט דערמיט קיין אַוואַנגאַרדיסט. נאָוואַטאָרס האָבן קודם־כל שטודירט די טראַדיציע. זיי האָבן זי געקאָנט צעשטערן ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן זי באַהערשט.

די גאַנצע געשיכטע פון קונסט איז די געשיכטע פון אינאָוואַציעס, פון געשמאַק־ענדערונגען. אַלטע פאָרמען ווערן לאַנגווייליק, ברעכט מען זיי. אָבער קיינמאָל האָט אַ קינסטלער נישט אויפגעבויט עפּעס אייגנס און נייס, אויב ער האָט דאָס אַלט־געוואָרענע נישט געשטורעמט פון אינעווייניק, פון אַן אינטימן קענען אַרויס, — אויב ער האָט זיך, אַנדערש געזאָגט, איבער דעם אַלטן נישט דערהויבן.

ניינציק פּראָצענט פון דעם אַזוי־גערופענעם אַוואַנגאַרדיזם אינ׳ם ליד (און נישט נאָר אינ׳ם ליד) איז פאַרשלייערטע (צומאָל אויך אָפענע) אומבאַהאָלפנקייט, וואָס שטייט נישט איבער דער טראַדיציע, נאָר טיף אונטער איר.

*

אפרים אויערבאַך

## די ראָטאָנדע

אַז די מאַמע האָט אָנגעטאָן די נייע ראָטאָנדע,
האָט געשיינט אין איר יעדער קנייטש און פאַלב,
ס׳איז, דאָס פוטער טונקל, נאָר הערעלעך בלאָנדע,
מיט אַ רויטלעכן נאָכגלאַנץ, ווי פרי־יאָר אַ שוואַלב.

דעם פּאַרוק האָט די מאַמע פאַרקעמט מיט אַ שרינטל
און פאַרהילט מיט אַ זיידן באַרעטל פון בראָד,
אויף די הענט אַ מופטע, מיט שפּיצן אַ בינטל,
און געגאַן אין בית־מדרש צו רעדן צו גאָט.

אויפן שניי האָבן קראָען אויסגענייט קוויטלעך
און אַליין פאַרפלויגן אויף קאַלטע פּלייט,
ס׳האָבן מענער אין קוטשמעס און ווייבער אין שייטלעך
נאָכגעקוקט איר, ווי פּאַוואָליע זי גייט.

— אַזאַ גאַנג איז נאָר בײַ אַן אמת׳ער פּריצה, —
האָבן ווייבער געשאָקלט מיט פאַרפּראָשעטע קעפּ.
— אַז זי מיינט אַוואָדע, אַז צום הימל פליט זי
און סך־הכל וואַשט זי אַליין גאָר די טעפּ...

נאָר די מאַמע האָט געהערט דעם שנייאיקן סקריפּע
און געוואָלט פאַרשטיין זיין האַרטן באַשייד.

נישט געאַרט האָט זי, וואָס סע רעדט דאָרט אַ קליפּה, —
אַז די צונג איז לויז, זענען לויזער די רייד.

אַז דאָס האַרץ איז פֿרום, איז נאָך פֿרימער דער הולך,
גייסט דאָך רעדן צו גאָט מיט אַ פֿולן געמיט, —
אָ, איר אידישע טעכטער, אַז גוט און אַז וואויל אייך,
וואָס דאָס האַרץ זינגט איר אויס צו גאָט, ווי אַ ליד.

און צו רעדן צו גאָט האָט די מאַמע געהאַט וואָס,
ווי למשל דער אומעט, וואָס גיט אַ באַפֿאַל,
אַז דו ציסט אים און ציסט, ווי אַ שוסטער די דראַטווע,
ציִ דו וויקלסט אים גאָר אין אַ וואָלענעם שאַל.

פֿון דער וועלט איז געגאַנגען דאָס טעכטערל איטע
און איר איבערגעלאָזט נאָר דעם ליכטיקן קוק,
מיטן אָפּשיין פֿון פֿריִע רויזן צעבליטע,
מיטן קינדערשן שמייכל, וואָס טרויערט שוין קלוג.

אַז דער טרויער איז נאַקעט, איז דער מענטש געפֿאַלן,
איז דערפֿאַר דעק אים צו און האַלט אים געגרייסט,
ס'איז דער פֿרעמדער אויף אים אַ דאָרשטיקער בעלן,
דיר אונטערצוטראָגן אַ קוואַרטעלע טרייסט.

האָט די מאַמע איר טרויער אין דער נייער ראָטאָנדע,
ווי אַן אתרוג אַ הדר מיט ליבשאַפֿט פֿאַרהילט,
און גערעדט צו איטען: וואָס האָב איך געטאָן דען?
נאָר אין זיך דאָס געוויין, ווי ווײַן אָפּגעקילט.

אַז זי גייט אין בית-מדרש איר אומעט אַ גלעט-טאָן,
וועט זי רעדן צו גאָט מיט פֿאַרשוויגענעם קול,
ווי די מוטער רבקה האָט אויף קינדער געבעטן,
ווען מתפּלל געווען האָט יצחק אין טאָל.

אין דער ווייבערשער שול האָט די מאַמע געשוויגן,
נאָר מיט אויגן געטרונקען אין סידור דאָס בלאַט,
ביז דער טרויער אין איר איז געוואָרן אַ ניגון,
אַ דערוואַרעמט געזאַנג אינעם פּראָסטיקן שבת.

ס'האָט דער חזן געהאַלטן ביי אתּה הראית
און דאָס ריינקייט צו דעם שולחן געבראַכט,
האָט די מאַמע דערשפּירט, ווי טרערן הייסע
אויף איר פּנים פֿאַלן, ווי טוי אין דער נאַכט.



זי האָט באַלד פֿאַרמאַכט אויפֿן שלאָס דאָס סידור
און זיך אויפֿגעשטעלט מיט אַ מלכה'שן שטעל, —
אַז דאָס האַרץ צו די אויגן אַ טיאַכקע גיט דיר,
גיי אַרויס מיט דעם אויף יענער זייט שוועל.

אויפֿן וועג אַהיים האָט געשפּילט די ראָטאָנדע
מיט דער זון און מיט קאַלטע דימענטלעך שניי, —
נישט אומזיסט, וואָס יענעם גאַנג איך דערמאָן דאָ,
ווייל איך כאַפּ זיך אַמאָל, אַז ווי זי איך גיי.

איר גוט שבת אין שטוב האָט אָפּגעקלונגען
ווי דער קלאַנג פֿון אַ צעשפּאָלטענער טאַץ,
ס'האָט דער שבת פֿון איר אַרויסגעזונגען,
ווי מע גיט מיט אַ נאָגל אויף זילבער אַ קראַץ.

כ'האָב דעם חלום אירן נישט פֿאַרשטאַנען,
נאָר געזען האָב איך אים אויף איר בלייכער הויט,
ווי ער הייבט-אָן ביסלעכווייז צו וויאַנען,
ווי פֿאַרנאַכטיק ווערט ער שיטער פֿאַרגרויט.

ס'איז אַ חלום געווען, האָט די מאַמע געוויקלט
איר געדאַנק, וואָס אָנגעהויבן האָט זי אין גאַנג,
און אַרויסגעקוקט צום פֿאַרדומפּענעם ליקל,
וואו אַ שמאָלער טאָג האָט אייביק געצאַנקט.

די ראָטאָנדע, מיט ווינטער האָט געגעבן אַ פֿינקל
און זיך אויסגעלאָשן אויף אַן אייביקער נאַכט,
און פֿאַרלייגט האָט די מאַמע זי אין אַ ווינקל
און דעם חלום אירן, ווי אַ טיר צוגעמאַכט.

אונזער לעבן ווי אַ גילדענער זוים איז
אויף אַ טונקעלן הימל אַמאָל אין שבת,
און געווען אַזוי דער מאַמעס חלומות,
וואָס זי האָט אין אינגערע יאָרן געהאַט.

אַז איך זע אַ פֿויגל, ווי ליכטיק ער פֿליט דאָ
צו דער נאַכט אויף אַ בוים אין צווייגן געדריי,
ווערט דער מאַמעס חלום פֿונעם שוועסטערל איטע
ווידער שטיל פֿאַרוויאַנעט, ווי דענצמאָל אין שניי.

און דעם חלום בין איך אַצינד נאָך נישט פּותר, —
אין ראָטאָנדע איז ער נאָך ביז איצטער פֿאַרהוילט, —
נאָר געווען איז ער אַ טרויעריק גרויסער
ביז ער האָט זיך ביי איר אין אַ שאָטן פֿאַרקנוילט.

אַדאַ לאַפּין

# קעגן וועמען קעמפט י. באַשעוויס?

עס איז אַ נחת צו דרוקן אין דער „סביבה“ דעם אַרטיקל פון דער יונגער אַדאַ לאַפּין — אַ פּנים חדשות. זי געהערט צו די געציילטע אַמעריקאַנער־געבאָרענע וואָס האָט שטודירט די וועלט־ליטעראַטור און איז היימיש אין דער אידישער. דעם אַרטיקל האָט אַדאַ לאַפּין געשריבן אויף אידיש — ס׳איז נישט קיין איבערזעצונג.

מיט ליטעראַטור, אויסער אייגענער באַגאַבונג, האָט אַדאַ לאַפּין אַ משפּחה־שייכות. זי איז די טאָכטער פון אפרים אויערבאַך. מיר האָפן, נאָך דער התחלה, צו זען אירע ווייטערדיקע אַרבעטן אין דער „סביבה“.

דער עסיי „ווען דער רעאַליזם פאַרשטעלט דעם וועג צום אמת“ פון י. באַשעוויס אין דריטן נומער „סביבה“ רירט אָן אַ זייער וויכטיק קינסטלעריש פּראָבלעם, וואָס אין פאַרשידענע עפּאָכעס איז עס באַצייכנט מיט פאַרשידענע „איזמען“: קלאַסיציזם־ראָמאַנטיזם; רעאַליזם־סור־רעאַליזם א. אַ. וו. באַשעוויסן איז גוט באַקאַנט דער פּראָצעס פון רעוואָלוציע פון דער ליטעראַטור וואָס באַלד ווערט פון יעדער נייער ליטעראַרישער ריכטונג אַן „איזם“ מיט נייע דינים, נייע פּאָביעס. יעדער דור, יעדער שעפערישער קינסטלער מוז דורכברעכן די „איזם“־צוימען און זיך אַליין דערשלאָגן צום אמת. די מאָדערנע ליטעראַטור איז געצוימט מיט רעאַליזם, וואָס זיינע דינים זיינען גרויע טאָג־טעגלעכקייט און תמיד איבערצייגן דעם לייענער, פּאַקטיש אַן אומאויפהערלעכע איבערחזורונג און וואַריאירונג פון „מאַדאַם באָוואַרי“. פון פּאָביעס וואָס רינגלען אַרום דעם היינטיקן רעאַליזם וויל באַשעוויס בויען אַ נייע ליטעראַטור: מעלאָדראַמע, פּאָרנאָגראַפיע, מיסטיציזם.

אויב דער אַנאַליז איז אַ פּערזענלעכער מאַניפעסט פונעם מחברס אייגענעם וועג צום אמת אין דער ליטעראַטור, איז ער גאַנץ פאַרשטענדלעך. באַשעוויסעס שאַפונג איז רעוואָלוציאָנער לויט די פאָרשריפטן וואָס ער באַשטימט פאַר דער ליטעראַטור און אים אין זיין שאַפן איז עס געלונגען. אָבער וויבאַלד דער מאַניפעסט ווערט פאַרברייטערט, ווערט אַ מאָס אויף אָפּצושאַצן די גאַנצע מאָדערנע ליטעראַטור און וויזן אַ נייעם וועג צום אמת, ווערט נויטיק זיך גוט צוקוקן און זען וואוהין עס קען פירן.

קודם כל איז כדאי פעסטשטעלן אַז ליטעראַטור, קונסט בכלל, איז אין תוך פאַרבונדן מיטן לעבנס־באַנעם פון דער קולטור און פונעם דור. ווען באַשעוויס באַמערקט אַז דאַנטע האָט ניט איבערצייגט, האָט ניט מורא געהאַט זיך פאַרטיפן אין פאַנטאַסטישן און מיסטישן, לייענט ער „די געטלעכע קאָמעדיע“ מיטן די אויגן פונעם 20טן יאָרהונדערט. דאַנטע האָט ניט געדאַרפט איבערצייגן: זיין גרויס ווערק איז געשטיצט אויפן טאָג־טעגלעכן גלויבן פונעם מיטלאַלטער וואו ס׳איז ניט געווען קיין שום קאָנפליקט צווישן ראַציאָנאַליזם און מיסטיציזם. דער מיטלאַלטערלעכער סינטעז איז געווען געבויט אויף אַ גאַנצקייט, אַ קאָסמאָס וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן גיהנום אונטער דער ערד און איז דערגאַנגען ביזן גן־עדן שבשמים. פּורגאַטאָריום (ברענען אויף די גיהנום פייערן אָפּצוקומען פאַר די זינד), לימבאָ (פאַרוואָרפן זיין אין כף־הקלע), פאַרדאַמטע נשמות וואָס אין אונזערע אויגן איז



דאָס מיסטיציזם, פאַנטאַסטיק, איז פאַרן מיטלאַלטער געווען ווירקלעכקייט, אַזוי ווי אַלכימיע, דעם פילאָזאָפס שטיין, אַסטראָלאָגיע און וויפל מלאָכים עס קענען טאַנצן אויפן שפּיץ פון אַ נאָדל. דאָס איז אָבער געווען די לעצטע עפּאָכע פון אונזער וועלט־געשיכטע פון פילאָזאָפישער גאַנצקייט און ווען דער מיטלאַלטערלעכער סינטעז איז זיך צעפאַלן מיט דער נייער וויסנשאַפט, האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן ראַציאָנאַליזם און מיסטיציזם, וואָס קומט פאָר ביזן היינטיקן טאָג.

דער דראַנג זיך אומצוקערן צו אַ פּרימיטיוון פאַרנעם, אָפּצולייקענען דעם גרויען רעאַליזם, אויסזוכן די פאַרבאָרגענע, איראַציאָנעלע קוואַלן פון דער מענטשהייט איז ניט קיין נייער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. די פראַנצויזישע סימבאָליסטן, וואָס עדגאַר אַלאַן פּאָ איז אין אַ מאָס געווען זייער וועג־ווייזער, האָבן געזוכט אינעם וואָרט, אינעם מעטאַפאָר אָנרירן די מיסטישע סודות באַהאַלטן אין דער מענטשהייט. באָדלער איז אַוועק צו די שדים, צו זינד. ער האָט געוואָלט דורך דער הינטערשטער טיר אַריין אין גן־עדן. יעיטס, דער גרויסער איירישער דיכטער, האָט זיך פאַרטיפט אין דער ראָמאַנטישער מיטאָלאָגיע פון זיין פאָלק, געשריבן עקספּערימענטאַלע דראַמעס פאַר אַקטיאָרן מיט מאַסקעס, און איז סוף־כל־סוף געוואָרן אַ ראָסיקרושאַן. ער האָט געגלויבט אין ספּיריטיזם — אַן אָטאָמאַטישן שרייבן דיקטירט פון די „ניט־דאָאיקע“ ווי ס׳איז פאַרצייכנט אין זיין בוך „אַ וויזיע“. אויך ט. ס. עליאָט, אונטערן איינפלוס פון עזראַ פּאַונד, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער מאָדערנער ראַציאָנאַליסטישער וועלט און איז אַוועק זוכן דעם מיסטישן אמת אין פאָלקלאָר, אין מיטאָלאָגיע און צום סוף אין דער אַנגלאָקאַטוילישער קירכע. דער קאַמף קעגן רעאַליזם האָט געהאַט די גרעסטע השפּעה אין דער דייטשער ליטעראַטור אין דער „שטורעם און דראַנג“־עפּאָכע, ווען דער מיסטיציזם האָט פאַרכאַפּט ניט נאָר די שרייבער, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק און זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ מערב־אייראָפּע. די דערציילונגען פון קנוט האַמסאָן האָבן אויפגעציטערט אַ וועלט, אָבער ס׳איז זיכער ניט קיין צופאַל וואָס ער האָט פאַרראַטן זיין פאָלק און זיך אידענטיפיצירט מיטן נאַציזם.

עס שטעלט זיך די פראַגע, קעגן וועמען קעמפט באַשעוויס? די אמתע, שעפערישע טאַלאַנטן אין דער היינטיקער ליטעראַטור זיינען זיכער ניט געצוימט מיט די דינים פון טאָג־טעגלעכקייט און רעאַליזם. זיי זיינען אויך, אָבער, ניט גרייט אַזוי לייכט אַוועקוואַרפן די וועלט מיט איר גאַנצן גרויען, צוימענדיקן ראַציאָנאַליזם. מיר האָבן געזען וואו דער היפּך פירט. ניט פאָלקנער, ניט הערמאַן העסע, ניט קאַמוס זיינען רעאַליסטן; זיי זיינען אויך ניט קיין מיסטיקער און זיי שטעלן ניט אַוועק אַזוי פּשוט דאָס פּראָבלעם. אויב מען קען דריי אַזעלכע פאַרשידענע שרייבער צוזאַמענפירן, קען מען זאָגן, אַז זיי האָבן אַלע איין טיפן אינטערעס — אינעם מאָראַלישן עצם פון לעבן. אמתע קונסט איז אַלעמאָל ערנסט און פאַרטיפט זיך אינעם מאָראַלישן תוך פון מענטשלעכן לעבן. טאָמאַס מאַן האָט אפשר געזען דעם ענין קלאָרער פון אַלע. ער האָט געפילט די שטאַרקע צוציאונג־קראַפט פון עסטעטיזם, פון מיסטיציזם און האָט גלייכצייטיק געזען ווי עס פירט צו דעקאַדענץ און אונטערגאַנג. אין „דער טויט אין ווענעדיג“ איז דער קינסטלער אינספּירירט צו שרייבן זיין גרעסטע פּראָזע אונטערן איינפלוס פון דער אויסגעלאַסענער

קרענקלעכער שטאָט, און איז גלייכצייטיק איינגעשלונגען אינעם פאַרפוילטן אַרום און שטאַרבט אין דער מגפה. די מגפה איז דער סימבאָל פון אויסגעלאַסנקייט, פּרעכקייט, אויפציטערנדיקער מיסטיק — דער איראַציאָנאַליזם ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מגפה און דערשטיקט.

וואָס איז שייך מעלאָדראַמע, איז שווער צו פאַרשטיין וואָס באַשעוויס וויל. די ראָמאַנען אין פּאַפּירענעם איינבונד, וואָס פאַרקויפן זיך אין די מיליאָנען, זיינען פול מיט מעלאָדראַמע, אַזוי ווי די טעגלעכע צייטונגען זיינען אויך פול מיט דעם. פאַרוואָס זאָל זיך דער „נעאָ־רעאַליזם" אויך פאַרקערן אויף דעם וועג? נעמען די ביזאַרע צופאַלן, דאָס אויסטערלישע און סענסאַציאָנאַלע פון דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע, פון דער פּרעסע, פון די אָקולטיסטן און ספּיריטואַליסטן און דערפון בויען אַן ערנסטע ליטעראַטור צו באַקעמפן דעם רעאַליזם קען זיין אַן אויספיר ווען רעוואָלט אַליין איז די הויפּט־זאַך. דער שוועדישער פילם־דירעקטאָר אינגמאַר בערגמאַן האָט דאָס באַוויזן אין זיין בילד — "The Virgin Spring", וואו ער שטעלט פאָר אַ ברוטאַלע און סענסאַציאָנעלע לעגענדע פון 14טן יאָרהונדערט, קורץ, אָן איבערצייגן און אָן דערקלערן. יאָ, דער פילם רעגט אויף, אָבער עס קערט זיך ניט אָן מיט קונסט.

די היינטיקע ליטעראַטור שטייט פאַר אַ שווער פּראָבלעם. פון איין זייט האָבן זיך די פאַרשידענע פאָרמען פון קאָמוניקאַציע צעשפּרייט און פאַרמערט — אין אַ לאַנד וואו אַלע באַקומען עלעמענטאַרע בילדונג פריי איז דאָס געשריבענע וואָרט פאַרן גאַנצן פאָלק און מיר זיינען פאַרפלייצט מיט צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער און ביכלעך. טעלעוויזיע און פילמען פאַרנעמען אַ וויכטיקן, אויב ניט תמיד אַ בכבודיקן, אָרט אין דער קולטור, און זייער פאַרשפּרייטונג באַגרענעצט דעם ערנסטן שריפטשטעלער. פון דער צווייטער זייט, האָבן די סאָציאַלע וויסנשאַפטן זיך אַנטוויקלט און צוגענומען ביים בעלעטריסט גאַנצע שטיקער מענטשלעך לעבן, וואָס זיינען מיט פופציק יאָר צוריק געווען זיינע. דיקענס וואָלט היינט־צו־טאָג מסתמא געשריבן סאָציאָלאָגישע אָפּהאַנדלונגען אָנשטאָט ראָמאַנען. פּסיכאָלאָגיע האָט אַממערסטן „צוגעגנבעט" ביים קינסטלער; און אויף איר ליגט די הויפּט־שולד פאַר דער לאַנגווייליקייט פון אַזויפיל פון די היינטיקע שאַפונגען. דער גרונט־פּרינציפּ פון דער נייער וויסנשאַפט איז ראַציאָנאַליזם, פאַרנאַנדערקלייבן דעם מענטש אין דער לאַבאָראַטאָריע. קיין סודות זיינען ניטאָ, זיכער ניט קיין מיסטעריע, וואָס פּסיכאָלאָגיע קען זיי ניט פאָרשן. דעריבער איז מאָדנע וואָס באַשעוויס וויל נעמען ביזאַרע פאַלן פון דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע און פון זיי מאַכן קונסט. אַזוי לאַנג ווי דער קינסטלער איז אַליין געווען דער פאָרשער, האָט ער זיך געקענט אומאָפּהענגיק פון דער וויסנשאַפט פאַרטיפן אין פּאַטאָלאָגיע, אַזוי ווי דאָסטאָיעווסקי האָט עס געטאָן. ער איז געווען פריי אויסטייטשן און פאַרשטיין לויט זיין אייגנאַרטיקן פאַרנעם. היינט מוז דער קינסטלער זיך רעכענען מיט דער וויסנשאַפט. אויב דער קינסטלער שטעלט ניט צו קיין ראָם אין וועלכן די ביזאַרע, אויסטערלישע פאַלן ווערן פאַרשטענדלעך, וועט עס דער לייענער זיכער אַליין פאַר זיך טאָן. מיר לעבן אין אַ וועלט באַזירט אויף אַ ראַציאָנאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. אויב דער קינסטלער נעמט עס ניט אָן, אויב דער רעאַליזם שיינט אים צו זיין אויבערפלעכלעך, ניט אמת, מוז ער זיין אויפפאַסונג דערגרונטעווען; אַריינוועבן אינעם גאַנצן קאָמפּליצירטן לעבנס־פאַרנעם פון אונזער יאָרהונדערט. זיך אומקערן צו אַ פּרימי־



טיוון וואונדער, צו אַ פאָלקלאָריסטישן, אור־לאָגישן קוק איז ניט מעגלעך.

באַשעוויס ברענגט אַ משל קאַפקאַ, וואָס ער פּאַסט זיך איבערהויפּט ניט אַריין אין דעם „רעצעפּט" פאַר דער נייער ליטעראַטור. קאַפקאַ גיט זיך אָפּ מיט דעם טיף־מאָראַלישן פּראָבלעם פונעם יחיד אין קאָנפליקט מיט דער געזעלשאַפט. זיין יעדע פאַנטאַזיע און אויסטראַכטעניש קערט זיך אָן מיט אָט דעם ענין און איז ווייט פון כראָניק, פּאַטאָלאָגיע און קרענקלעכקייט. ווען קאַפקאַ האָט געלייענט זיינע מאַנוסקריפּטן צו זיין חבר מאַקס בראָד, פלעגן זיי ביידע לאַכן. קאַפקאַ האָט געזען זיין אַרבעט ווי אַ סאַטירע אויפן מענטשלעכן צושטאַנד.

„ווערטער, זאָגט י. באַשעוויס, זענען וואולגאַר און וואָס לענגער מען נוצט זיי אַלץ וואולגאַריזירטער ווערן זיי". דורך ווערטער אַליין קען דער שריפטשטעלער ניט אויסדריקן דעם מאַקסימום אינדיווידואַליטעט; עס בלייבט תמיד דער געפיל פון ניט־דערזאָגטקייט. די איינרעדעניש אַז ער קען יאָ דערזאָגן און דערפירן צום אָריגינאַלן עסטעטישן מאָמענט טרייבט די שרייבער צו פאָרמאַליזם פון ווערטער־קאָמבינאַציעס. ווערטער־שפּילעריי, אָן טיפער איבערלעבונג, איז אַלעמאָל אַ געפאַר אין דער ליטעראַטור און פילע מאָדערניסטן וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען דזשעימס דזשויס זיינען אַריינגעפאַלן אין פאָרמאַליזם. פאַרפירט האָט זיי ניט די וואולגאַריטעט פון דער שפּראַך, נאָר וואָס זיי האָבן צו וויניק דרך ארץ פאַרן וואָרט. דאָס וואָרט, שפּראַך, איז דער סימבאָל פון אונזער מענטשלעכקייט און איז אפשר די העכסטע קינסטלערישע דערגרייכונג פון דער מענטשהייט. איינע פון די היסטאָרישע אויפגאַבן פונעם שרייבער איז באַנייען די שפּראַך; ווי ט. ס. עליאָט האָט געזאָגט: "To distort language into meaning."

דער שרייבער וואָס באַנוגנט זיך מיט ווערטער אַליין פאַלט אַריין אין אַן אַבסטראַקטן פאָרמאַליזם. טוט דאָס אויך ניט דער שרייבער וואָס זוכט זיין עסטעטישן אויסלייז אין דער טעמע אַליין? דער נעאָ־רעאַליזם וואָס באַשעוויס באַשרייבט איז ריינער פאָרמאַליזם און עסטעטיזם. נאָך איידער די רעוואָלוציע איז דורכגעפירט איז דער נייער „איזם" שוין אַרומגערינגלט מיט דינים: די טעמעס — אויסטערלישע, פּערווערזע, פאַנטאַסטישע; דער סטיל — קיצור; דער אינהאַלט — פאַקטן, בילדער, כראָניק. אין איין זאַץ, באַמערקט באַשעוויס, אַז דער שריפטשטעלער וועט אויפהערן זיין אַ פּעדאַגאָג, קיין פּירוש וועט ניט זיין נויטיק „אויב דער לייענער האָט די ריכטיקע צוגרייטונג". ווער דען וועט עס אים צוגרייטן? מיט אָט דער קליינער קוואַליפיקאַציע רירט באַשעוויס אָן דעם עצם פון דעם פּראָבלעם. ווי ער באַשרייבט זי, איז זיין רעוואָלוציע קעגן רעאַליזם אַ ריין־פאָרמאַליסטישע, אַ ריין־עסטעטישע. די וואָס האָבן אין פריערדיקע יאָרן געמאַכט רושמדיקע איבערקערענישן אין דער ליטעראַטור, און די וואָס באַמיען זיך איצטער באַקעמפן די דינים און די צוימען פון דער דורכשניטלעכער ליטעראַטור, זיינען געקומען מיט אַ נייעם קוק, אַ נייעם לעבנס־פאַרנעם. ס'איז צייט אומוואַרפן רעאַליזם — אָבער פאָרמאַליסטיש, מיט עסטעטישע דינים וועגן טעמעס, סטיל, אינהאַלט וועט עס ניט געטאָן ווערן. דאָס ביזאַרע און סענסאַציאָנעלע איז געגוי אַזוי לאַנגווייליק ווי דאָס דורכשניטלעכע ווען עס ווערט אַ דין און אַ פּרינציפּ פאַר זיך אַליין. דער לייענער איז צוגעגרייט צו אַלץ וואָס איז באמת אָריגינעל, וואָס קען פאַר אים עפענען אַ צוטריט צו זיך, צו זיין וועלט, צום זין פון לעבן. צוגרייטן דאַרף מען אים נאָר ווען די קונסט איז עקספּערימענטאַל

בלויז אויפן געביט פון עסטעטיק. אין תוך דאַרף דער איקאָנאָקלאַסט נאָר זיין אַליין איבערצייגט — און האָבן וואָס צו זאָגן.

וואָלט באַשעוויס געקומען און געזאָגט, אַז דער רעאַליזם אין דער וועלט־ליטעראַטור איז אויסגעשפּילט ווייל די אילוזיע פון ראַציאָנאַליזם איז זיך צערונען, ווייל דער מענטש איז ניט אַזוי ווי ער וויל זיך פאָרשטעלן, ווייל די וויסנשאַפט וועט קיינמאָל ניט דערגיין צום עצם אמת; וואָלט ער געזאָגט צוזאַמען מיט אָטאָ האַנק אַז די גאַנצע וועלט־אַנשויאונג פון דער מאָדערנער ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט איז אַן אילוזיע וואָס איז ניט מער אמת ווי די פּרימיטיווע טאָטעם־רעליגיע פון די אויסטראַליער בושמענער, וואָלט געווען אַ תוכיקע איבערקערעניש וואָס קען זיך אָפּשפּיגלען אין דער ליטעראַטור. אָן אַזאַ טיף־איבערגעלעבטן פילאָזאָפישן און מאָראַלישן פונ־דאַמענט איז די רעוואָלוציע ניט מער ווי נאָך אַן „איזם" און איר גורל וועט זיין די זעלבע פוסטקייט און גרויקייט ווי דער „איזם" וואָס זי קומט אומוואַרפן.

*

גבריאל פרייל

# לידער

## זבולון קומט צו זיין ברעג

האָט זבולון ליב געהאַט שיפן וואָס אַקערן ים'ען
צוליב דימענטן־האַנדל און רענדל־טרייסט,
אָדער האָט זכרון פון שטיבער אויפן וואַסער אים גערירט,
ווען ליכטער האָבן געצאַנקט אויף רודערן, פאָלירטע פון זון?
האָט זבולון פאַרנומען נאַכט־פאַרבן, זינקענדיקע אין ים־נאַכט,
צי בליטן אויף כוואַליעס, ווען פרילינג־ווינט
צעשוימט די גערטנער?

מיט אויסלייז האָט מיך ליבע ניט באַשאָנקען,
באַפעל פון אויבן האָט שפּעט מיך דערגרייכט.
איך בין געווען ווי אונטערן שלאָס פון מיין
פריוואַטן צפון,
ווי אַ שוואַרצע חתימה אויף אַ פּאַפּיר אַליין,
ביז אין שנייִ מיינעם איז אויפגעגאַנגען
אַ זיך־ניט־לעשנדיקער פלאַם, מיין אייז געשפּאָלטן, —
און כ'האָב צו דיר, ציון, רייד געלאָזט פאַלן.

דאָס רינג איז נאָך ניט פאַררונדיקט, אַזוי לאַנג
ווי אַן אָוונט וועט מיך ניט דערזען
אַ אינגל שאָקלענדיק שטערן פון דיינע הימלען;
אַזוי לאַנג ווי אַ פרימאָרגן וועט אין מיר ניט דערקענען
אַ נייעם זבולון, אַ שפּירענדיקן אויפסנייִ
ריחות פון אַן אור־אַלטן ים,
רוענדיק יונג־זוניק אויף חיפהס ברעג.



## אידישער מאָלער

דורך רויש־און־פליסטער פון פאַרבן
בין איך אַליין:
אַ מאָלער־איד וואָס האָט נאָך מיט די אויגן
ניט געשעפּט פון טיף־אידישע הימלען, —
די שפּורן אויף זיי פון אַן אַלמעכטיקן גאָט,
אַ שפּאַנענדיקן אויף זיינע שטערן.

איך לעב נאָך איצט אינעם געגנט פון די גרויע טורעמס,
הויערנדיקע ביי די ברעגן פון אַ טייך אַ גרויען.
לעב — און זוך אַ גרויען ענטפער געפינען
אויף אַ פראַגע ווי אַ נאָדל שטעכיק.

ביז ס'וועט קומען בליץ ווי אַ סימן, שפּאַלטן
האַרץ פון לייב און הירש אין מיר;
דאַן וועל איך מישן פאַרבן אונטערן
זון־פייער פון כנען,
אויפקלערן וועט מיין פּינזל
דעם שיין פון חרמון־שנייִ.

טריי וועל איך זיין צום אויפגאַנג
פון דעם זייער הויכן טאָג.

## פאַרלוירן אויף ברעגן

פאַרנאַכט־צו זיינען וואַגאָנען באַלאָדן
מיט אַ וואַלד פאַרשניטענע האָפנונגען.
ווי איך זיינען די רעלסן ביים וואַסער
ביי ברעגן פאַרלוירן;
הינטער זיי לאָקערט ניט קיין גאָרטן, קיין מדבר —
בלויז אַ פראַגע־צייכן שפּאַרט־דורך ווי אַ דאָרן.

דער רויך פון אַ צופעליק שיף זוכט זיך ניט קיין אויסוועג.
סתם־אַזוי לאָזט ער פאַלן פונקען־שפּריצן,
לייכט־פאַרווירט ווי אַ מאַטראָס אַליין,
דרעמלענדיק מיט זיין דרעמלענדיקער ליולקע.
די בלויע פלאַטפאָרמעס קענען ניט אויפהיטן
זייער אייגן ליכט פון דיק־וואַנטיקן נעפּל;
אויטאָמאָבילן ליגן ווי אָפּגעפליקטע עופות
אין אַן אָרט וואָס מערדערט זיין באַטרעטער.

שמחה לעוו

# מענדעלעס אַלעגאָריעס

דריי אַלעגאָרישע דערציילונגען האָט מענדעלע איבערגעלאָזט: „די קליאַטשע", „ישראליק" און „יודל". אין די אַלעגאָריעס איז דאָ די מענדעלע־אויפפאַסונג פון פאָלק ישראל אין זיין געשיכטלעכן גאַנג.

מענדעלעס אַלעגאָריעס זיינען אַ פּירוש אויף מענדעלע דעם קינסטלער. אין זיינע קינסטלערישע ווערק איז מענדעלע אָפּט בייסיק, סאַרקאַסטיש, בייז און אומצופרידן מיט זיינע אידן. עס קוקט אויס למראית עין, ווי מענדעלע וואָלט געוואָלט דורך זיינע ווערק אַריינטראָגן ענדערונגען און רעפאָרמירן דאָס אידישע לעבן פון זיין צייט. אין די אַלעגאָריעס דערזעען מיר אַן אַנדער מענדעלע. אין זיי איז מענדעלע מיסטיש, גלויבט אין אידישער אויסדערוויילטקייט, אין אידישער אויסגעצייכנטקייט און אין אידישער מאָראַלישער העכערקייט. אידן זיינען צונויפגעוואקסן מיט דער תורה, מיט די מאָראַלע פּרינציפּן אירע, ניט נאָר ווי אַן אידייע, נאָר ווי אַ טאָג־טעגלעכע פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע. עס זיינען געזעצן וואָס אַ איד לעבט מיט זיי. אידישער דת איז אומאָפּטיילבאַר פון דעם באַגריף אידישע אומה, אידישע נאַציאָנאַליטעט. עס איז אַן איינהייט. דער היסטאָרישער גורל האָט אידן פאַרבונדן מיטן „חומשל, תנ"כל, סידורל און מחזורל". אָן דעם גייט, לויט מענדעלען, פאַרלאָרן די אידישע נשמה. און ווייל אידן זיינען אויסגעצייכנט, האָט מען זיי פיינט:

„פאַר דיין גוט קעפּל, יודל, פאַר דיין פאַרשטאַנד, / פאַר דיין גוט האַרץ און
פאַר דיין אָפענער האַנט / האָסטו פון אייביק־אָן געבעך געליטן, / ווער עס
האָט געוואָלט איז אויף דיר געריטן. / דיין קלוג ווייב (די תורה), אומעטום דיר
אָנגעמאַכט קנאה, / דיינע מעלות דיך צוגעצויגן שנאה. / וואָלסט קיינעם ניט
גרויס געווען אין די אויגן, / בנאמנות, ווען דו זאָלסט צו גאָרניט טויגן."
(„יודל")

מענדעלעס אַלעגאָריעס קלערן אויף מענדעלעס סאַטירע. ווייל מענדעלע האָט געטראָגן דעם צער פון פאָלק, איז ער געווען דער שטראָפער פון פאָלק. מענדעלעס קינסטלערישע ווערק זיינען געווען דער אויסדרוק פון אָט די איינשטעלונגען און אויפפאַסונגען מענדעלעס. די אַלעגאָריעס זיינען דער שליסל צו פאַרשטיין מענדעלעס ווערק. זיי קלערן אויף מענדעלעס צוגאַנג צו אידן. מענדעלע האָט אויפגעפאַסט דאָס פאָלק ישראל ווי אַ פּרינץ וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין נחלה און וואַלגערט זיך ווי אַ בעטלער איבער דער וועלט. דער אשמדאי וואָס האָט אַוועקגעבלאָזן שלמה המלך פון זיין טראָן, אים פאַרוואָגלט אין דער פרעמד, אים געלאָזט שרייען „אני שלמה" — איז אַ משל פאַר ישראל בין העמים. פאַרשטויסן פון גאָט און באַהערשט פון אשמדאי, טראָגן זיך אידן אַרום איבער דער וועלט, אָפּהיטנדיק געטריי זייער אינערלעכע אידישע פּרינציפּשקייט:

„אין דער וועלט אַ קנעכט, אַ בעטלער, אַ שמאַטע,
אין דער היים אַ האַר, אַ מאַן, און אַ טאַטע".

*

צווישן די אַלעגאָרישע ווערק פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט „די קליאַטשע".



דאָס בוך האָט אין זיין צייט באַהערשט די אידישע וועלט. מענדעלע און „די קליאַטשע" זיינען בשעתם געווען איינס. אידן האָבן אפשר מער געוואוסט דעם נאָמען „די קליאַטשע" ווי דעם נאָמען מענדעלע מוכר ספרים. מענדעלע האָט בכוונה תחילה גענומען די קליאַטשע ווי אַ סימבאָל פאַרן אידישן גורל. „לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי" (צו מיין קליאַטשע אין פרעהס רייטוואָגן פאַרגלייך איך דיר, כנסת ישראל) — דאָס איז די מאָטאָ צו דער „קליאַטשע". רעיתי — פאַרטייטשט מענדעלע, לויט דער אידישער טראַדיציע, מיטן באַגריף כנסת ישראל, כאָטש דאָס איז ניט דער אייגנטלעכער טייטש פון דעם וואָרט רעיתי. און מיט אָננעמען דעם טראַדיציאָנעלן טייטש לאָזט אונז מענדעלע הערן, אַז שילדערן אַ אידן מוז מען דורך דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון כנסת ישראל.

אין דער הקדמה צו דער „קליאַטשע" זאָגט מענדעלע אַז מיט דעם בוך איז ער מקיים די הבטחה אַרויסצוגעבן די צווייטע טייל פון דער „טאַקסע". זיינען טאַקע אין דער „קליאַטשע" פאַראַן אַלע פאַרשוינען פון דער „טאַקסע" — די „מקבלים, אביונים, קבצנים, דלפנים, טויגעניכצן, קאַליקעס, מלמדים; פאַר־צעניאָריקע, פאַראַיאָריקע און היינטיקיאָריקע באַלעבעסלעך וואָס עסן קעסט" — זיי זיינען אַלע פאַראַן אין דער „קליאַטשע". אָבער עס איז אַ מהלך פון דער „טאַקסע" ביז דער „קליאַטשע" סיי אין מענדעלעס אויפפאַסונג פון אידישן לעבן און סיי אין זיין שטעלונג צו דער רוסישער רעגירונג און איר באַציאונג צו אידן. עס איז אַ מהלך צווישן די משכילישע האָפענונגען בעתן „פרילינג" פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן („דעם צאַר באַפרייער") און די אַנטוישונגען פון די פּאָגראָמען אונטער אַלעקסאַנדער דעם דריטן. די „טאַקסע" ענדיקט זיך ביי מענדעלען מיט די ווערטער: „גאָט זאָל געבן אין האַרצן פון דער... באַרעמהערציקער רעגירונג, אַז זי זאָל אויף דיר אַ בליק טאָן מיט חסד און מיט רחמנות... זאָל דיר געבן מוט און דיך נעמען אונטער איר שוץ". „די קליאַטשע" רעדט שוין גאָר אַנדערע רייד: „איך וויל גאָרניט הערן קיין רחמנות... איך בין ווי אַלע אַנדערע אַ לעבעדיק באַשעפעניש, און האָב ווי זיי אַ פּראַווע, דאָס רעכט צו לעבן... איך וויל לעבן גלייך ווי אַנדערע, גלאַט ווייל איך בין אַ באַשעפעניש פאַר מיר". עס איז אַן אַנדער איינשטעלונג, עס זיינען אַנדערע פאַרלאַנגען, עס זיינען אַנדערע פאָדערונגען. די „קליאַטשע" איז ניט קיין צווייטע טייל פון דער „טאַקסע". עס רעדט אַן אַנדער מענדעלע.

דער עיקר אין דער „קליאַטשע" איז דער פאַנטאַסטישער טייל אירער, דער קאָשמאַר פון ישראליקן ווען ער גייט אַראָפּ פון זינען. ישראליק, אַ בחור אַ למדן, וואָס פאַרוואַרפט רבנות און וויל ווערן אַ דאָקטער, קען ניט בייקומען די „סלאָוועסנאָסט" (ליטעראַטור־קענטעניש). ער לערנט אויף אויסנווייניק „די מעשות פון שרעקלעכע גיבורים... מעשות מיט גילגולים, מיט מכשפים און מכשפהטעס..." דאָס ברענגט אים אַראָפּ פון זינען. דאָס איז די רעאַלע ראָם — דער גורל פון דעם אידישן יונגנמאַן, דעם „עקסטערן", אין צאַרישן רוסלאַנד. ישראליק איז אַ נאָכטראַכטער און אין צושטאַנד פון צעמישטקייט און פון קאָשמאַר „טרעפט זיך" ישראליק מיט דער קליאַטשע. ער זעט איר גורל, איר פּיין, אירע גילגולים פון לאַנד צו לאַנד, די בילבולים וואָס מען מאַכט אויף איר און די עצות וואָס מען גיט די קליאַטשע געזונט צו מאַכן, איר „אַראָפּנעמען די קאָלטענעס, זי זאָל ניט זיין אַזוי פאַרגרעבט, לערנען איר קונצן — הכלל זי אויסמענטשלען". אָבער די אונטערשטע שורה

איז: דערווייל זאָל זי זיין פון די פעלדער דערוויטערט. דאָס איז מענדעלעס ביטערע סאַטירע אויף די צאַרישע בעלי־טובות וואָס האָבן כלומרשט געוואָלט אויסבעסערן די לאַגע פון אידן אין רוסלאַנד.

מענדעלע רעוואָלטירט קעגן דעם, וואָס די קליאַטשע (דאָס אידישע פאָלק) וואַלגערט זיך אין בלאָטע און עס איז איר אפילו ווייך אין דער בלאָטע. „איצט, ווייניקסטנס, רו איך אַביסל, אויף דער בלאָטע איז מיר ווייך צו ליגן". מענדעלע האָט געשטורעמט קעגן רעזיגנירטקייט, קעגן באַנוגענען זיך מיט אַביסל רו, מיט אַביסל חיי שעה. די רו, האַלט מענדעלע, קען אין פאַרשיידענע צייטן אָננעמען פאַרשיידענע פאָרמען, אָבער די געדודפּטע קליאַטשע בלייבט אַלץ אַ געדודפּטע.

ביז דער „קליאַטשע" איז מענדעלעס סאַטירע געווען געווענדט כלפי פנים, צום אידישן לעבן גופא. אין דער „קליאַטשע" איז נאָך פאַראַן אַ היפּש ביסל גאַל אין באַצוג צו די פאַראַנדקעס ביי אידן, אָבער די סאַטירע איז בעיקר געווענדט כלפי חוץ — קעגן פרעמדע וואָס מישן זיך אַריין אין אידישן לעבן. עס איז אַ סאַטירע אויף די רוסישע סינאָדסקע אויספאָרשונג־קאָמיסיעס צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אידן אין רוסלאַנד און האָבן זי פאַרערגערט. דאָס אַריבערוואַרפן די סאַטירע פון „מבפנים" צום „לבחוץ" און דער ביטערער געוויין אויפן גורל פון פאָלק האָט געמאַכט אַז „די קליאַטשע" זאָל ווערן אַ שטוב־ספר ביי אידן און מענדעלע זאָל ווערן אַ בן־בית דאָרט. אפילו איצט איז עס אַ ספר וואָס רעדט צום אידישן האַרץ. אַ ים פון אידישן פיין ליגט אין דעם ספר.

וויבאַלד מענדעלע האָט גענומען פאַר אַן אויסגאַנג דעם צושטאַנד פון איינעם וואָס איז אַראָפּ פון זינען, איז דאָס אוממעגלעכע — מעגלעך, און די וועלט קריגט אַנדערע מאָסן. עס זיינען די דימענסיעס פון ריינער פאַנטאַזיע.

אַן אַלטער חשבון איז פאַראַן אין דער אידישער לעגענדע מיטן אשמדאי, דעם קעניג פון די שדים, וואָס ציט זיך אַזש פון שלמה המלך. מענדעלע האָט גענומען דעם אשמדאי ווי דעם טרעגער פון אַלע רשעותן און צרות וואָס קומען אויף אידן. דער אשמדאי פון דער „קליאַטשע" איז אַ דורכאויס אידישע אויפפאַסונג פון דעם טייוול. צווישן גאָט און טייוול איז דאָ אַ שייכות פון האַר און באַדינער. דער טייוול פילט אויס די צעשטערערישע באַפעלן פון דעם רבונו של עולם. דאָס וואָס דער טייוול צעשטערט, בויט דער רבונו של עולם אויף. צוזאַמען מאַכן זיי די וועלט זאָל זיך געשטאַלטיקן, זיין אין באַוועגונג. „מיר גייען כסדר איינער דעם אַנדערן נאָך פוסטריט און וואָס אַ טראָט ווערט און וואַקסט די צייט... ויהי ערב ויהי בוקר — עס איז דאָ טאָג און נאַכט, אָרט און צייט".

דער אשמדאי פליט מיט ישראליקן אין די הימלען און מיט זיי פליט די בידנע שקאַפּע אויך. דאָס מאַכן פליען די קליאַטשע אין די הימלען איז אַ וואונק אויף אידישער באַדנלאָזיקייט, עס איז אָבער אויך אַ וואונק אַז אידן קענען פליען אין די הימלען. אָבער מענדעלע, כאָטש ער פליט, שטייט ער מיטביידע פיס אויף דער ערד. פון די הימלען איז נאָר באַקוועמער צו זען די ערד און וואָס עס טוט זיך אויף איר. מענדעלע, קען מען זאָגן, האָט געקוקט אויף דער ערד פון אַ הימל־פּלי.

מענדעלע שילדערט די אייביקע העצרייען אויף אידן. און ווייל ער שאַפט אַ טייוולאָניש־פאַנטאַסטישע אַטמאָספער אַרום די העצרייען, ברענגט



ער אַרויס זייער באַשטענדיקייט. מענדעלע רופט עס דער טייוול־טאָל און זיין „קאַנצעלאַריע":

„ערגעץ אין אַ העק, צווישן משונה־הויכע בערג, וואָס גרייכן ביז וואָלקן..., האָט זיך געפונען דער [טייוול] טאָל... אין אַ גאַנץ גרויסער הייל האָט געפּלייצט אַ טייך שוואַרצער טינט און אויף זיינע ברעגן האָבן געוואַקסן וועלדער פעדערס... פונדערווייטנס האָב איך געזען ווי לצים האָבן אין דעם טייך אָנגעטרונקען מיין בידנע קליאַטשע, נעבאַך, זי דערנאָך געבאָדן און אונטערגעטונקט אַ סך מאָל אין טינט, אַזוי אַז זי איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען שוואַרץ ווי אַ רוח..."

אַז מען לייענט די שורות וועגן העצעס און בילבולים אויף אידן מיט אַן אַכציק יאָר שפּעטער, נאָך דער דערפאַרונג וואָס אידן אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע האָבן געהאַט, קלינגען די שילדערונגען ווי וואָרענונגען און וואָרזאָגונגען. מענדעלע זאָגט: „עס גייט נאָך מיר איצט אַ גרויל איבער דעם לייב, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם טאָל". דאָס איז אַ גרויל פון דורות. עס קענען זיין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, עס קען זיין 1939, און עס קען זיין 1961.

אגב, אין דער שילדערונג פון אַ טייך מיט טינט און וועלדער פון פעדערס פילט זיך אַ טאָן פון אקדמות אויף פאַרקערט. אין „אקדמות" איז עס אַ לויב צו גאָט, ביים טייוול איז עס אַ העצע אויף אידן.

מענדעלע האָט געגלויבט אין דעם „שבע נפל וקם" פון דער אידישער אומה. די לעצטע ווערטער פון דער קליאַטשע זיינען:

„נישקשה — האָט מיר די קליאַטשע נאָכגעשריען — אַז איך פאַל, שטיי איך אויף. ניט איינמאָל בין איך שוין אַזוי געפאַלן און פאָרט ניט פאַרפאַלן".

„די קליאַטשע" איז דער איכה און דער נחמו אין דער אידישער ליטעראַטור. מענדעלע האָט איינגעשטעלט אַ שטייגער פון שרייבן, וואָס האָט באַווירקט די שרייבער פון זיין דור און עד היום הזה. ביאַליק רופט עס נוסח מענדעלע. די אידישע ליטעראַטור האָט אין זיך דעם נוסח.

עס איז כדאי צו ברענגען צוויי ציטאַטן כדי קלאָר צו מאַכן זיך ווי ווייט עס גרייכט די השפּעה פון מענדעלען אפילו אויף אונזער היינטצייטיקער ליטעראַטור.

ציטאַטע נומער איינס — מענדעלע:

„אין דער גאַנצער הייל, אין דעם גאַנצן טאָל האָט זיך געלאָזט הערן אַ שרעקלעכער יאָמער אויף אַלערליי ווידערקולות. עס האָט זיך געהערט אַ היילן ווי אַ הונט היילט אַמאָל שרעקלעך ביינאַכט הינטער דעם פענצטער; אויך אַ מיאַוקען, אַ וויינען, ווי קעץ וויינען בשעת דער פרוכפערונג־צייט אויף די דעכער. עס האָט זיך געהערט אַ טרויעריקער הספד פון סאָוועס, אַ קראַקען פון סאָראָקעס, אַ קוואַקען פון זשאַבעס. עס האָט זיך אויך געהערט אַ שמוצערן פון שלאַנגען, אַ פישטשען פון שטשערעס, אַ מרוקען פון ביקעס, אַ ברומען פון בערן, אַ ברילן פון לעמפּערטן און אַ סקריפּ פון אַ רוק־בעט".

מ'דאַרף באַמערקן, אַז אין מיטן פון מענדעלעס קאַפּיר קומט דער סקריפּ פון אַ היימישן „רוק־בעט". עס איז אויף מאַכן היימישער דעם „משונה".

ציטאַטע נומער צוויי — יצחק באַשעוויס:

„ניין איילן אין דער ערד, וואו עס טרעפן זיך צוויי פעלזן און עס ריזלט אַן אונטערערדיש טייכל זיינען זיי געזעסן, די מוטער שידה און אַ חדר־אינגל כוזיבא. די מאַמע האָט געהאַט אַ לייב פון שפינוועבס, האָר ביז די קנעכלען, הינערנע פיס, פליגל פון אַ פלעדערמויז. כוזיבא האָט פאַרמאָגט פאַר אַ צולאָג אייזלשע אויערן און וואַקסענע הערנער. כוזיבא האָט אונטערגעקרענקט... די מוטער האָט אים יעדע האַלבע שעה איינגע־

געבן טייוולס קויט, פוך פון אַ רויטער קראָ, זאַפּט פון קופּער, שאָטן פון אַ גרוב... דער מאַן אירער, הורמיס, ווערט אַ רבי ביי די שדים, גיט קמיעות, שפּרעכט אָפּ קרייטעכער, קנעלט מיט שרעטעלעך די תוכחה פון באַרג אבל, די קללות וואָס בלעם האָט געוואָלט שעלטן, די פּאָראויסזאָגענישן פון די נביאי השקר, די צורעדענישן פון חוהס שלאַנג, די הינטערליסטיקייט פון די נפילים, די צעמישטע שפּראַך פון דור־הפלגה, דאָס פאַרברעך פון דור־המבול, די קאַפּוירענישן פון סדום, די אייטלקייטן פון ירבעם און אחאב, איזאבל און ושתי...״ (שידה און כוזיבא).

אין די געבראַכטע צוויי טעקסטן איז פאַראַן אַן ענלעכקייט אין דער שטימונג, אין ריטם פון זאַץ, אין דער שפּע פון די סימבאָלן. דער קאַפּויר וואָס איז פאַראַן סיי ביי מענדעלען און סיי ביי באַשעוויסן, דער אַלעגאָרישער מעטאָד וואָס באַשעוויס האָט אים געמאַכט פאַר זיין הויפּט־אַרט, האָט זיי געפירט צו ענלעכקייט. איך וויל לחלוטין ניט פאַרקלענערן אָדער פאַרמינערן די געשטאַלט י. באַשעוויס. איך בין אויסן אונטערצושטרייכן די ווייט־גרייכנדיקע מענדעלע־השפּעות, דעם מענדעלע־נוסח אין אונזער ליטעראַטור.

דאָס וואָס צוזאַמען מיטן ברילן פון לעמפּערטן, ברומען פון בערן און שמוצערן פון שלאַנגען שטעלט מענדעלע אַריין דעם סקריפּ פון אַ רוק־בעט, לאָזט ער אונז צו הערן, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. עס איז אָן סכנות. דער דינער שמייכל (ניט סאַטירע, נאָר דינער שמייכל) מאַכט היימישער דעם „משונה״ און מיר דערפילן אַן ערדישקייט, אַ שטוביקייט אין מענדעלעס פליען מיטן אשמדאי אין דעם טייוול־טאָל. דער „משונה״ ווערט אָננעמבאַרער פאַרן אויער ווען מיר דערהערן דעם סקריפּ פון היימישן רוק־בעט.

י. באַשעוויס רופט אָן דעם שדל כוזיבא — דער חדר־אינגל כוזיבא. דורך באַצייכענען כוזיבאן ווי אַ חדר־אינגל טראָגט באַשעוויס אַריין אַ היימישקייט און מאַכט אָננעמבאַר פאַרן אויער כוזיבאָן. עס איז נוסח מענדעלע. דאָס אָנרופן דעם שדל כוזיבא (פון וואָרט כזב — פאַלש) האָט עפּעס פון מענדעלעס שטייגער אָנצורופן תורה שבעל־פּה מינדל (פון וואָרט מינדלעך — בעל־פּה).

*

די דערציילונג „ישראליק״ איז אַ וואַריאַנט פון ישראליק אין דער „קליאַטשע״. ביידן נעמט דער אשמדאי אויף אַ פלי־רייזע. ביידן ווייזט דער אשמדאי דעם סדר־העולם, די מענטשלעכע אכזריות. דער אשמדאי אין דער דערציילונג איז דער בייזער מלאך פון גאָר דער וועלט, פון אַלע אומות. ער איז אַן „אוניווערסאַלער״ אשמדאי. דער טראָפּ ווערט דאָ געלייגט אויף די רשעות וואָס די אומות העולם טוען איינע צו די אַנדערע. דער דאָזיקער אשמדאי קלייבט נחת וואָס מען אַרבעט אויס כלי משחית אויף אויסקוילען זיך איינע די אַנדערע. דער אשמדאי איז צופרידן וואָס די מענטשן ווילן נאָך אַרויסגנבענען „פון דעם אַלטנס רייטוואָגן די הייסע, ברענענדיקע שרפים און איינשפּאַנען זיי אין די מאַשינעס צו שלעפּן, צו דרייען רעדער, אונטערשמייסנדיק זיי, מחילה, מיט עלעקטרישע בליצן, עס זאָל דונערן, שיסן, פליען, טראַסקען — פוף־פאַף־פיף״. אויף אַן אַלעגאָרישן אופן ברענגט מענדעלע אַרויס אַז די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק איז דער אויפּטו פון דעם אשמדאי און איז עלול צו פאַרלעשן דעם געטלעכן פונק ביי מענטשן. דאָ איז דער אשמדאי ניט גאָטס שליח, נאָר איז אין קאַמף מיט גאָט. גאָט און טייוול זיינען דאָ אין אייביקן געראַנגל, אינגאַנצן אַנדערש ווי אין דער „קליאַטשע״.

*



דאָס בוך „יודל״ רופט מענדעלע אַ סיפּור המעשה אין שירים. פון פאָרמעל ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז דאָס אַ ניט געלונגען ווערק. מענדעלע איז ניט געווען קיין מייסטער פון גראַם. פּאָעזיע איז אין איר עצם קאָרג אויפן וואָרט און אין „יודל״ איז, דווקא צוליבן גראַם, מענדעלע צופיל באַרעדעוודיק. דערצו האָט ער זיך איינגעפּאַנצערט אין אַ משקל פון עלף זילבן אין אַ שורה. דאָס אידישע לשון פילט זיך אומבאַקוועם אין די קייטן, לכל הפּחות האָט מענדעלע פאַרלאָרן זיין פרייע באַוועגונג אין אָט דעם פּאַנצער.

מענדעלע וואָס זיין פּראָזע איז ריטמיש, האָט אַן אייגענעם נאַטירלעכן ניגון, שפּרייזט מיט זיין טעמע און זיינע באַשרייבונגען אין געמאָסטענע טריט, האָט פאַרלאָרן זיין בייגעוודיקייט און מעלאָדישקייט ווען ער האָט זיך גענומען צו דער קורצער שורה. די גראַמען זיינען בדחנישע, דער ריטם אַן אָנגעצויגענער, אַ הילפלאָזער. ניטאָ מענדעלעס פּיקחות. עס איז פאַרלאָרן געוואָרן מענדעלעס וואָרט וואָס לאָזט זיך טייטשן און אַריינטייטשן. למשל:

דער דאָזיקער וועלט באַרימטער טאַטע,
וואָס אַלע קומען ניט צו זיין פּיאַטע,
האָט ליב געהאַט מער פון זיינע קינדער
דעם יודלען, וואָס ליגט דאָ איצט באַזינדער.

„יודל״ איז דורכאויס אַלעגאָריש: יודל — איז דאָס פאָלק ישראל; דער טאַטע — איז אָבינו שבשמים; די חתונה — איז מתן תורה; די כלה — איז די תורה. דער חתן — איז יודל, דאָס פאָלק ישראל; די קלעזמאָרים זיינען — די דונערן און בליצן ביים באַרג סיני; דער נדן — איז די ארץ זבת חלב ודבש; דער דוואָרעץ איז — דער בית המקדש; די טאָכטער — איז מינדל (תורה שבעל פּה, מינדלעך); די אינגסטע טאָכטער — איז קריסטנטום; דאָס זיינען די העלדן פון „יודל״.

„יודל״ האָט מענדעלע איינגעטיילט אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל נעמט אַרום די געשיכטע פון אידן פון קבלת התורה ביז חורבן בית ראשון, דער צווייטער טייל — פון גלות בבל ביזן דייטשישן אַנטיסעמיטיזם פון מענדעלעס צייט. עס איז ניט קיין געשיכטע, נאָר אַן אַפּאָלאָגעטיק פון עם ישראל, אונטערשטרייכנדיק די הויכע מאָראַלע פּרינציפּן פון אידישן לעבן. עס איז נישט מעגלעך צו פאַרשטיין מענדעלעס כוונות אין „יודל״, אויב מען איז נישט גרינטלעך באַהאַוונט אין תורה שבכתב און תורה שבעל פּה און אין חכמת ישראל פון מענדעלעס צייט. מענדעלע האָט געהאַלטן אַז אַ איד, נישקשה, וועט פאַרשטיין, און אידן האָבן אים, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, פאַרשטאַנען, און האָבן ליב געהאַט דעם ספר „יודל״.

„מיר אידן, זאָגט מענדעלע, פאַרשטייען זיך אויפן וואונק. איין וואָרט אַמאָל נישט דערערעדט, נישט געענדיקט; אַ סמאָרע מיט דער נאָז, אַ דריי מיטן פינגער — זאָגט ביי אונז מער ווי ביי אומות העולם אַ גאַנצער ספר... אָט אַזוי איז דער שטייגער ריידן ביי אונז: דרינגעניש, אָנשטויסעניש, עפּעס גלאַט אָן ווערטער — אי, בע, עט... דו ביסט נישט קליין צו טרעפן וואָס מען מיינט״ (הקדמה צו „ספר הבהמות״).

מענדעלע האָט געשריבן פאַר אידן שטיצנדיק זיך אויף זייער הבנה.

ביים סוף פון ערשטן טייל איז פאַראַן אַ שילדערונג ווי ירמיהו וויינט אויף חורבן בית ראשון. עס איז שווער צו באַגרייפן מיט וואָס פאַראַ מיטלען מענדעלע דערגרייכט אַרויסצוברענגען אַזאַ אויפרודערנדיקע טרויער־שטימונג. די שילדערונג איז קאָרג. די שורות זיינען ניט וואויל־קלינגענדיק, דער גראַם איז אַ פּרימיטיווער. און דאָך פילט מען אַן איכה־געוויין אין די שורות. עס

איז אַ מענדעלע־סוד. און אפשר נעמט זיך עס דערפון וואָס מענדעלעס איי־גענער טרויער צינדט אָן. מענדעלע איז געווען דער גרויסער אידישער מקונן, ווייל טיף דורכגעדרונגען מיט אידישן צער.

„נאָר יודלס לעבן שילדערן ווער עס וויל,
מוז דערציילן צרות און יסורים זייער פיל".

מען קען ניט חושד זיין מענדעלען אין ניט וויסן, אַז די מעטרישע פאָרם אין „יודל" איז בדחנות. דאָס איז ביי אים געווען בלויז פאָעטישער אָנשטעל.

אין „יודל", אונטערן שלייער פון בדחנות, באַציט זיך מענדעלע מיט „גוט־פעטערישקייט" און שטאַרק היימיש צו די פערסאָנאַזשן פון תנ"ך. די תורה איז ביי אים „אַ כלה" און „אַ דאַמע". דער שטן, אַז ער רעדט אויף איר לשון הרע, זאָגט ער:

„מוידוויז האָט מען מיט איר זיך אַרומגעשלעפּט,
צו איטלעכן חתן האָט זי זיך געקלעפּט..."

(דאָס איז די אגדה אַז גאָט האָט זיך מיט דער תורה אַרומגעטראָגן צווישן די אומות און קיינער האָט זי ניט געוואָלט מקבל זיין.)

די פאַרלאָזטע תורה טענה'ט ביי מענדעלען:

„אַמאָל, יודל, בין איך דיר געווען טייער, / אַ חתן ביסטו געווען אַ געטרייער. האָסט דענסטמאָל, געדענקסטו אויף דעם בערגל דאָרט / מיך ליב צו האָבן געשוואָרן אויף דיין וואָרט".

פאַרגלייכט מען עס מיט די שורות פון מאַנגערס אַ ליד:

„און הגר נעמט פון קופערט אַרויס / אַ בייטשל קרעלן ווי בלוט, / אַ פאַרטעכל פון גרינעם זייד / און אַ שטרויענעם זומערהוט. / די זאַכן האָט ער איר געשענקט / אַמאָל ווען זיי זיינען געגאַן / שפּאַצירן איבער דער לאָנקע, / דאָרט וואו עס גייט די באַן. /...אַזוי ווי אַ רויך פון אַ קוימען / איז די ליבע פון אַ מאַן". (איציק מאַנגער — „הגרס לעצטע נאַכט ביי אברהמען", חומש־לידער.)

טוט מען פון זיך אָפּ דעם צויבער פון דער פאָלקסטימלעכקייט און דעם פאָעטישן חן וואָס שוועבט איבער מאַנגערס געזאַנג, איז דער מעטאָד (און נאָר וועגן מעטאָדריידן מיר) אַ דורכאויס מענדעלישער. ביי מענדעלען שווערט מען „אויפן וואָרט אויף דעם בערגל דאָרט" (מיינענדיק דעם באַרג סיני), און ביי מאַנגערן שענקט אברהם הגרן מתנות אויפן שפּאַציר „איבער דער לאָנקע".

שיר השירים זעצט איבער מענדעלע:

„ביי די הירשן, ביי די אינדן פון סטעפּעס,
באַשווער איך אייך, איר מאָדניצעס מיט שלעפּעס".

די אָדעסער מאָדע פון מענדעלעס צייט ווערט אַריינגעפּאַסט אין שיר־השי־רים, פונקט ווי מאַנגער ברענגט אַריין די באַן צו הגרן אין חומש און פּוצט זי אויס אין אַ „שטרויענעם זומער־הוט". און ווידער אַמאָל, איך וויל ניט פאַר־קלענערן די געשטאַלט מאַנגער, איך וויל נאָר אונטערשטרייכן ווי טיף דער מענדעלע־מעטאָד איז איינגעבירגערט און ווי ווייטגרייכנדיק עס איז זיין השפּעה אויף אונזער פּראָזע און פּאָעזיע.

אין די אַלעגאָריעס האָט מענדעלע געלייגט דעם הויפּט־געוויכט אויף היסטאָריאָזאָפישע באַטראַכטונגען. ער איז מיט די אַלעגאָריעס ניט אויסן צו געבן אידישע אַטמאָספער און אידישן שטייגער, זיין כוונה איז צו שילדערן אידישן גורל און צו דערגרונטעווען זיך צו אידישער נצחיות, דערגיין דעם סוד פון דעם „שבע נפל וקם" — מען פאַלט און מען לעבט ווייטער.

מענדעלעס אַלעגאָריעס גיבן אַ שליסל צו מענדעלע דעם קינסטלער.



בעריש וויינשטיין

# שבת־אויבס לידער

### א.

פון אַלע פאַרבענקטע זאַכן אין באַשערטן יאָך,
קער איך זיך אום צום וואָרן ליכט פון דער וואָך;
צום בורא מאורי־האש פון די זיבן פלאַמען
און הייב אָן די זעקס טעג מיט ליד, מיט ערד;
מיט וואַסערן פון דער אויסגעברייטער וועלט;
מיטן באַזונגענעם ים וואָס משה האָט אָפּגעשטעלט;
מיט די פייגלדיקע באַשעפענישן פון שבת־בשלח,
וואָס קינדער האָבן געשפּייזט אויפן פנים פון שניי,
דער אומעט פון ווינטער האָט געלויכטן אויף זיי
ביז נאָך שבת־אויבס.

### ב.

איך קער זיך אום צו די אויסגעפילטע וויסטענישן,
ווען עס איז געוואָרן טאָג און עס איז געווען גוט.
ס'איז געוואָרן נאַכט און דער באַשאַף האָט גערוט
אויף אַלע פלאַנצן, אויף אַלע קריכעדיקע מינים.
דעמאָלט איז אַרויס די ערשטע זון פון יהי־אור.
דער האַרבסט פון בראשית האָט אויפגעוועקט דעם טרויער
מיט אַן אויסשפּרייט פון געלקייט איבער דער יבשה —
די טונקלונג פון בלויען גאָט האָט אויפגעשטראַלט
מיט אַן אויסשיט פון מעסטלעך־שטערן איבערן הימל.
די טייכן האָבן זיך צו די פיש געווידמעט.

### ג.

פאַר דער שלאַנג פון גן־עדן, פאַרן גיפט פון אַפּל,
פאַר דער זינד פון אדם־וחוה, פאַר קין און הבל,
פאַר אַל־שלעכטס — איז אַראָפּ דער צאָרן פון מבול.
זעקס־טעג באַשאַפענע ערד איז געוואָרן פאַרשווענקט —
געבליבן איז בלויז דאָס געזיכט פון תהו־ובוהו;
די שווימענדיקע תיבה מיט יעדע פון זייער מין,
ווי ס'האָט דער בחיי געטייטשט ביי דער שויב פון שבת.
אַ טונקלונג האָט געשוועבט איבער דער צאינה־וראינה
און עס איז געווען אומעטיק צו זיין אַ מאַמע
ביים פענצטער אַליין.

### ד.

מ'האָט אַ ווינטער זיך געשלעפּט דורך סדרות מיטן לאַמטערן.
אַ גאַנצע וואָך איז מען פון באר־שבע געגאַנגען קיין חרן.
אַ פּראָסטיק פייער האָט זיך שטענדיק באַוויזן צו „וירא";

זאַווערוכעס האָבן אָנגעטראָגן שטיקער סדום-ועמורה
און פונעם שניי איז לוטס ווייב געוואָרן אַ הויפן זאַלץ,
לוט אַליין איז ביי די טעכטער געלעגן אין שיכורע היץ.
נאָר דאָ איז געוואָרן פינצטער די מעשה פון טייטש-חומש
און ס'איז דער טאַטע מיט אַ כזית אַוועק צו בני-היכלא;
דאָס פאַרטריפטע זילבער אויפן טישטוך געלאָזט
ביז אבטח ולא אפחד.

ה.

עס האָט נאָך געפעלט אַ שטיקל באַשאַף צו דער וואָך.
מ'האָט געוואַרט אויף טל, אויף די סאַמעטענע פלוימען;
אויף די טערפקע אַגריסן פון ביטערן קברות.
ס'גאָלד פון ווייץ האָבן די אינגלעך לאַנג אָפּגעבראָטן;
אַ האַרבסט געלאָזט, ווען ס'האָט נאָך געבליט וואַנגס גאָרטן.
מ'האָט נאָר מורא געהאַט פאַר די וואָלקנס-גיהנום אויבן.
שדים האָבן אונדז אין חלום אויפן געלעגער געוואָרפן
און נישט — ווי אין יעקבס חלומדיקער לייטער ביינאַכט,
ווען מלאכים האָבן איבער זיין שטיינערן צוקאָפּס געוואַכט
ביז מה טובו אהליך...

ו.

פאַר דער גרויסער אימה פון ששת-ימי-בראשית,
אַ לויב דיר, הויכער באַשעפער, ווי אין פסוק שטייט!
ביסט די זון וואָס גייט אויף, די זון וואָס פאַרגייט;
די קלינגענדיקע וואַסערן וואָס גיסן זיך פון בערג;
די לבנה וואָס גייט יעדע נאַכט מיין שויב פאַרביי.
איך וואַרט אויף דיין שטערן — ישראל זאָל זיך מערן
און מאַך דאַרום אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד!
דאָ, איז דער ליבער שבת-קודש שוין אַוועק;
די שיינע מעשה אויפן פענצטער געלאָזט
ביז איפּטע וואָך.

ז.

דאָס זיבעטע ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט רו.
צום אָוונט פון פרייטיק איז דער הימל געוואָרן בלאָ.
די ערד איז איינגעשוויגן פון די בענטשליכט אָן.
פון שקיעה צו שקיעה האָט דאָס פייער גערוט.
דערנאָך, האָט דאָס באַזונגענע ליכט אויסגעטרערט.
צו פאַרנאַכט-צו, איז מען אין גאַס אַרויס
מיטן אויסגעטיילטן, פרומען שבת-אויבס.
אין שטוב האָבן אַלע לייכטער געוואַרט אויף ויתן-לך —
די שלעסער אויף די געוועלבער האָבן הבדלה געהערט
אין דער שטילסטער פינצטער פון דער ערד.



רחל קאָרן

# ביי די גרענעץ-וואַכען פון דער געשיכטע

עס איז אַלעמען באַקאַנט די לעגענדע וועגן דער שיינער בת-מלכה, וואָס אַ בייזע כישוף-מאַכערין האָט איינגעשלעפערט, געלאָזן צווישן לעבן און טויט ביז, ביז עס וועט זיך געפינען איינער, וואָס וועט זיך פאַרליבן אין דער בת-מלכה, נישט געקוקט אויף איר טויט-פאַרשלעפערטקייט. די בייזע מכשפה האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עס וועט זיך אויף אַן אמת געפינען עמיץ, וואָס זאָל זיך פאַרליבן אין אַ טויטער פרינצעסין, וואָס ליגט אין אַ גלעזערנעם אָרון. אָבער דאָך איז דאָס וואונדער געשען — דורך גרויסער ליבשאַפט. אַ פרינץ, וואָס איז צופעליק פאַרבייגעריטן דורך דעם פינסטערן וואַלד, האָט אויפגעוועקט די בת-מלכה צוריק צום לעבן מיט אַ קוש.

און אַזוי געשעט עס אויך מיט די פאַרבאָרגענע, פאַרהוילענע שיינקייטן וואָס ליגן אונטער די זיבן הויטן פון דערווירקלעכקייט ווי אין אַ לעטאַרגישן שלאָף, ביז עס קומט דער דיכטער און וועקט זיי אויף צום לעבן מיטן כישוף-דיקן שפרוך, מיטן קוש פון זיין וואָרט.

אָט דאָס אַלץ, לעבן וואָס מען גייט געוויינטלעך פאַרביי, נישט באַמערקנדיק עס אפילו, ווערט פאַר אונדז אַנטפלעקט דורכן דיכטערישן וואָרט. אַלצאיינס, צי איז עס אַ מענטש אין זיין שטילער פאַרשעמטקייט, צי אַן איינזאַמער בוים אין זיין שטומער גורלדיקייט ביים ראַנד פון וועג, צי אַ שטיין, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער ערד און וואַרט אויפן דורכגייער, וואָס זאָל אָנשפּאַרן אויף אים זיין מידן קאָפּ און אויף דער לייטער פון ליכטיקסטן חלום אַרויפשטייגן ביז צו די הימלען.

דער דיכטער איז דער שתדלן, דער מליץ-יושר פאַר אַלע באַעוולהטע, פאַר אַלע שטומע באַשעפענישן.

נישט דאָס איז דער עיקר וועגן וואָס עס שרייבט דער דיכטער, נאָר ווי אַזוי ער נעמט אויף די דרויסנדיקע פאַסירונגען און פאַרזיווגט זיי מיט זיינע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען, מיט זיין אינערלעכער וועלט.

מען קען נעמען די ברייטסטע, גרויסאַרטיקסטע טעמע, אָנקלאַפּן מיט הויך-קלינגענדיקע ווערטער אַזש אין די טויערן פון הימל — און דאָך זאָל זיך באַקומען אַן ענג, פאַרקראַטעוועט שטייגל. דאַקעגן איז גענוג צו באַשרייבן אַ פשוט, אָרעם שטיבל, אַ שמאָלע סטעזשקע, וואָס קיינער ווייסט נישט וואוהין זי פירט, צי איין איינציקע אינטימע איבערלעבונג, אַז עס זאָל ווערן אַל-מענטשלעך, אוניווערסאַל.

דיכטונג איז דאָס סובלימירטע געפיל פון אַ ריי איבערלעבונגען, אַ געפיל וואָס גיט אַ ריכטונג אינטואיטיווע שפירונגען און שאַפט אַ סדר, באַוואוסטזיניקע געזעצמעסיקייט אין די טיפע אָפּגרונטן פון מענטשלעכן אונטערבאַוואוסטזיין.

דער דיכטער קען זיך אויך דערלויבן צו רעפאָרמירן די ווירקלעכקייט אויפן חשבון פון וויזיע, דערפאַר מוז ער געבן דער וויזיע באַשטימונג און אַלע אַטריבוטן פון רעאַליטעט.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין דיכטערישן שאַפן דאָס וואָרט. פונקט ווי אַ מענטש, האָט זיך יעדעס וואָרט זיין מזל, זיין אייגענע באַשערטקייט. ערשט דער דיכטער מוז זיי צונויפברענגען און פירן אונטער דער חופה,

פאַראייניקן אין אַ נישט צערייסבאַרן בונד, גלייך זיי, נאָר זיי וואָלטן געווען באַשטימט פאַר זיך פון קדמונים אָן. אָפּט נעמט דער דיכטער ווערטער אָפּגעבליאַקעוועטע, וואָס זיינען געלעגן פאַרגעסן און פאַרשפּינוועבט, טרייסלט אָפּ פון זיי דעם דורותדיקן שטויב, פאַרזיווגט זיי מיט נייע אימאַזשן און פירט זיי צו צו אַ נייעם בראשית.

ער שטעלט ווערטער ווי עדות אין אייביקן קאַמף צווישן יושר און אומרעכט, צווישן קדושה און טומאה. דער דיכטער איז גלייכצייטיק דער עקזעקוטאָר, וואָס קומט איינמאָנען די חובות, וואָס דאָס פאָלק איז זיך אַליין שולדיק.

נישטאָ קיין געירשנטער יחוס, נישט פאַראַן קיין רעכט פון בכורהשאַפט, נישטאָ קיין שליפעס און טיטולן, וואָס זאָלן קומען דורך אַ דרויסנדיקער נאָמינאַציע אין מלכות פון ליטעראַטור. דאָ גילט נישט קיין ירושה אָנגעגרייט פון אַ טאַטן, אָדער זיידן. דאָ האָט צו באַשטימען בלויז דאָס לעבעדיקע וואָרט פון שרייבער גופא.

אין מלכות ליטעראַטור קומט פאַר גראָד דאָס פאַרקערטע ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן פון לעבן, וואו טאַטעס באַוואָרענען זייערע זין און טעכטער מיט צוגעגרייטע גרויסע ירושות פון הייזער, גיטער, פאַבריקן. וואָס גרעסער, גאונישער דער טאַטע, אַלץ מאָגערער דאָס חלק גייסטיקע ירושה, וואָס באַקומט זיך די קינדער.

ווייל אַ גרויסער דיכטער, אָדער קינסטלער, איז נישט קיין צופעליקייט אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק. ער איז אַ פועל־יוצא פון אַ צוועקמעסיקער געשיכטלעכער געזעצמעסיקייט און נויטווענדיקייט. ער איז אַ פּראָדוקט פון דורותדיקער האָרעוואַניע. לאַנגע דורות האָבן זיך געמיט מיט דער גרעסטער אָנגעשטרענגטקייט אויסצופּראָדוצירן אין דער טונקעלער לאַבאָראַטאָריע פון פאָלקס אונטערבאַוואוסטזיין אַ פּערפעקטן יחיד, וואָס זאָל ווערן דעם פאָלקס צונג, זכרון און געוויסן. דאָס איז נישט פאָרגעקומען אַליין פון זיך, נאָר אַלס ענטפער צום פאָלקס פאַרטאַיעט פרעגן, צו זיינע בענקשאַפטן, דעמאָלט, ווען דאָס פאָלק אַליין איז שעפעריש, זוכט און ראַנגלט זיך פאַר דעם דאָזיקן ענטפער.

און ווען עס געלינגט שוין יאָ אַרויסצוברענגען אַזאַ פּערפעקטן יחיד, מוז זיך די נאַטור אָפּרוען פון איר גרויסער, דורותדיקער אָנגעשטרענגטקייט, ווייל אין דער ליטעראַטור פונקט ווי אין דער נאַטור הערשט דאָס געניאַלע געזעץ פון שמיטה.

טאָקע דערפאַר זיינען די זין פון אונזערע קלאַסיקער אַזוי ווייט אַוועק פון זייערע פאָטערס. און ביי שלום אַשס זון נייטען, פּונקט ווי ביי קלאַוס און עריקאַ, זון און טאָכטער פון טאָמאַס מאַן, וואָס האָבן דווקא יאָ אָנגעשריבן צו עטלעכע ביכער, האָט זיך נאָך שטאַרקער אַרויסגעוויזן זייער מיטלמעסיקייט אין פאַרגלייך מיט דער גרויסקייט פון זייערע גאָטגעבענטשטע טאַטעס. אַלע זיינע יאָרן האָט אַדאַם מיצקיעוויטשעס זון וולאַדיסלאַוו געלעבט ווי אַ קליין, גראָ מענטשעלע, וואָס ווערט ממש דערדריקט דורך זיין פאָטערס באַרימטקייט. געטעס זון אויגוסט איז געווען אַ האַלבער אידיאָט. די פאָטערס האָבן אויסגעשעפּט ביזן דנאָ אַלץ, וואָס די נאַטור האָט זיי אַזוי גרויסמוטיק באַווילן, אפילו אויף דורות פאָראויס.

וואָס בין איך אויסן מיט די עטלעכע קאַרגע ביישפּילן? עס איז אַ זייער פשוטע און קלאָרע באַשטעטיקונג, אַז מען קען נישט האָבן סיי גרויסע שרייבער, סיי אַ גרויסע ליטעראַטור אויף באַשטעלונג. דערפאַר דאַרף מען



אָננעמען פאַר ליב דאָס, וואָס דעם פאָלק איז אין דער מיטצייט געוואָרן באַשערט, און אַרומנעמען מיט וואַרעמקייט אַלע קרעאַטיווע כוחות, וואָס זיינען דער אויסדרוק פון פאָלק גופא.

פּונקט אין דער זעלבער מאָס וואָס אַ שרייבער אָדער קינסטלער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין טאַלאַנט, דער גאָב, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן, לגבי זיך אַליין און זיין פאָלק, דאַרף דאָס פאָלק טראָגן די אחריות לגבי די שעפער, די אַלע, וואָס זיינען פותר־חלום דעם פאָלקס פאַרבאָרגנסטע טרוימען און בענקשאַפטן.

פון וואָס פאַר אַ קוואַלן זאָל שעפּן דער קינסטלער, דער פּאָעט, אויב דאָס פאָלק אַליין האָט אויפגעהערט צו זיין שעפעריש?

דאָס פאָלק מוז צוגרייטן זאַפּאַסן פאַר די שעפערישע מענטשן, ווי עס טוען די בינען מיט זייער וואונדערלעכער חכמה פון אינסטינקט.

און פּונקט ווי אַ שעפערישער מענטש קען נישט וואַקסן און זיך אַנטוויקלען צו דער העכסטער מדרגה, פאָראויסבאַשטימט דורך דער קוואַליטעט פון זיין טאַלאַנט; אויב אים פעלט דער גינסטיקער, גייסטיקער קלימאַט, פּונקט אַזוי ווערט אויך אַ פאָלק גייסטיק איינגעשרומפּן און פנימלאָז אָן דעם קינסטלערישן בייטראָג פון זיינע שעפערישע יחידים. עס בלייבט אַ פאָלק אָן אייגענער אידענטיטעט.

און גראָד איצט, ווען דער ווייזער ווייזט פינף מינוט צו צוועלף, איז עס אויך די העכסטע צייט צו דערמאָנען די אַלע, וואָס טראָגן פרייוויליק די אחריות פאַר המשך און קיום, אַז אַ ליטעראַטור איז דעם פאָלקס פּאַספּאָרט צו דער אומשטערבלעכקייט, אַ פּאַספּאָרט, וואָס פירט אַריבער דורך די שטרענגסטע גרענעץ־וואַכן פון דער געשיכטע.

*

מלכה חפץ־טוזמאַן

## די ברכה

גאַנץ פרי.
די גאַנצע שטוב איז אויף.
די טאָפּאָליע מיט די צווייגן
ווישט דאָס בלאָ אַוועק פון מזרח פענסטער.
ס׳טוליעט זיך צו מיר מיין ברודערל
דער סאַמע קלענסטער.

דער פורמאַן — ווי פאַרשולדיקט
איז אַריינגעקומען זאָגן
„ס׳שטייען שוין ביים טיר
די איינגעשפּאַנטע פערד און וואָגן״.

אויפגעציטערט האָבן מיינע זעכצן יאָר
ווען צעקלונגען האָבן גלעקלעך אין געשפּאַן
„גלין און גלאַן —
קיין צוריק איז ניט פאַראַן.
איז ניט פאַראַן״.

דורך באַגינען־פרומע שויבן כ׳האָב דערזען —
מיין זיידע שניידט דעם שטח דורכן הויף
מיט פּאַמעלעכע און ברייטע שפּען.

דאָס גייט ער איצט דאָס אייניקל געזעגענען.
וואַקל איך צום שוועל
דעם זיידן צו באַגעגענען.

„דו פאָרסט אַוועק, מיין קינד,
ווייט אַוועק
צווישן פרעמדע מענטשן —
מיט וואָס זאָל איך דיך בענטשן?
אַז דו ביסט פון די שטילסטע
דאָרפיש שעמעוודיקע טעכטער".
„זיידע, כ׳האָב מורא זיין צווישן פרעמדע.
בענטש מיך
איך זאָל ניט זיין אויף לייטישע געלעכטער".

און געשטאַרקט זיך איבער מיין פאַרשעמטקייט,
אַרויפגעקוקט צו אים.
דער זיידע איז געשטאַנען גלייך און הויך,
מיט פאַרמאַכטע אויגן.
איך האָב מיין קאָפּ פאַר אים אַראָפּגעבויגן.

איבער מיינע האָר
ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט געטריייע.
לענגאויס מיין האַנט
האָט דין געקייקלט זיך אַ וואַרעמקייט
אַזוי ווי אַ דערבאַרעמקייט
מיין זיידנס טרער.

קיינמאָל האָב איך ניט געזען מיין זיידן מער.

זיידע, זיידע,
איך לעב נאָך אַלץ צווישן פרעמדע —
אַ וועלט מיט פרעמדע לייט.
איך שאַר זיך אויף דער ערד אַרום
ביים זייט.
ביים זייט.
זיידע,
זיי מיר אַ באַשיצער,
פון מיין עלנט זיי דער וועכטער.
ערשט איצט איז נויטיק מיר דיין ברכה:
„איך זאָל ניט זיין אויף לייטישע געלעכטער..."



אפרים אויערבאַך

# יעקב פרידמאַנס „די לעגענדע נח גרין"

דאָס בוך „די לעגענדע נח גרין" הייבט יעקב פרידמאַן אָן מיט אַ ליד, וואָס ער רופט „ליד" און אין די ווייטערדיקע זייטן רעדט ער אויך פון לידער. דאָס ליד־באַוואוסטזיין איז ביי אים אַ ירושהדיקס פון די דורות רביים און דערפאַר איז דאָס ליד זיינס דערציילעריש געזאַנג. אַז ביי אים איז שטיל, איז עס „ווי אַ בלאָער שלאָפנדיקער לאַם, וואָס גאָט־ברוך־הוא טראָגט אין זיינע אָרעמס". און דאָס ברויזנדיקע ליד איז „אַ ברענענדיקער נביא (וואָס) שטייט אויף אַ פעלז אינמיטן ים". צו דערציילן דעם ליד־אומעט זיינעם, ווי „די פידלען שלאָפן פאַרפרוירן אין שניי, כאָטש דער ניגון איז נאָך וואַרעם און ריזלט ווי בלוט אין זיי", זינגט ער אויס אַ טרויעריק מעשה׳לע פון קלעזמער, וואָס האָבן געשפּאַנט „ביז צו גאָטס בלאָע טויערן", נאָר זיי האָבן געקלאַפּט מיטן ציטערדיקן ליד און די טויערן זיינען געווען פאַרמאַכט —

און דעמאָלט איז דער אַלטער קלעזמער אויפגעשטאַנען,
און זיין קול איז געווען טרויעריק און מיד:
— ברידער, האָט ער געכליפּעט, ברידער, ווער דאַרף אונזערע פידלען
און ווער דאַרף אונזער ליד,
אַז פאַרמאַכט זיינען גאָטס טויערן?

נאָר פאַר יעקב פרידמאַנען זיינען די טויערן נישט פאַרמאַכט. דאָס מעשה־לע איז נאָר אַ משל אויפן שווערן אומעט, וואָס באַפאַלט אים אַמאָל. דער פּאָעט פרידמאַן איז אין גאָטס טויערן היימיש, מיט גאָט אַליין איז ער אינטימער, ווי אַנדערע אידישע פּאָעטן. אַז ער זאָגט:

ווילסט זיך שפּילן, גאָט,
טאָ קום זיך שפּילן...

איז אינעם זאָג נישטאָ דער מינדסטער פּאָעטישער אָנשטעל. איר שפּירט אין אים דאָס תקיפות פון אַ לוי־יצחק באַרדיטשעווער. ער דערגייט צו דער מדרגה פון פאַרלייקענען גאָט, נאָר פון דער כפירה וואַקסט ביי אים אַרויס אמונה —

וואָרהאַפּטיק, אויפן בלויען ניגון פון די בלויע פידעלעך,
וואָס קיינער דאַרף נישט מער, וועט גאָט־ברוך־הוא
אַליין זיך מוזן דערבאַרעמען.
ווער דען אַז נישט ער?

נישט שייך צו זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ רעליגיעזער פּאָעט, וואָרים ער האָט נישט אָנגעטאָן אויף זיך דעם מאַנטל פון פרומקייט, — ער פאַרמעסט זיך אַפילו אַמאָל אויף אומפרומקייט. ער איז קודם פּאָעט, און געטריי איז ער דעם אייגענעם געמיט און די דורות, וואָס האָבן אים אויסגעוואַרעמט. ווי יעדער אמתער פּאָעט, שאַפט ער זיין אייגענע וועלט, זיינע לידער האָבן אַן אייגענעם קלימאַט, — לידער, וואָס אַ סך מאָל דאַכט זיך אייך, אַז זיי זיינען האַלוצינאַציעס. איך זאָג בפירוש האַלוצינאַציעס, נישט וויזיעס, וואָרים איר שפּירט אין זיי אַ מין פיבער, אַ דראַנג זיך אַליין אויסצוקלערן. צו דער אייגענער צייט איז אין אים דאָ אַ לויטערקייט, אַ זונבלענד, וואָס אויב מיר זאָלן דאַרפן לידער קוקן אין פנים אַריין, וואָלטן מיר אין זיין ליד־פנים נישט

געקענט קוקן צוליב דער שאַרפער שיין אירער. אים אַליין, זיך אַליין, איז ער אַ רעטעניש. אינעם ליד „מאָזאַאיק" פרעגט ער:

בין איך אַווילדע קרעטשמע אין וויסטעניש,
צי אפשר אַן אוראַלטע קלויז?

ער זאָגט וועגן זיך אַליין, אַז „אין דער שטילקייט וואָס אין מיר הער איך אויפגיין געזאַנג, געזאַנג פון הפקר־יונגען צווישן זונות און ווייַן". סע איז אָבער אין אים דאָ אַ טיפערע שטילקייט, וואָס פון איר הערט ער „שטערן־געוויין און געכליפּ פון בלאָע קלעזמאָרים" און, אַז אין אים גייט־אויף די רו, דערגייט ער צו „מיינע זיידעס, מקובלים". דער פּאָעט לעבט־איבער די סתירות אין זיך, אָבער נאָר צווישן די זיידעס „ווערט מיר גוט ווי אַ ניגון, וואָס טיילט זיך אָפּ פון פלויער". נאָר דעמאָלט קערט ער זיך אום „צו מיין אייביקן דויער".

דערציילט ער אונז פון זיידעס מקובלים, אָבער זיין קבלה איז אַן אייגענע, זי קוואַלט אַרויס פון אים אַליין, איז נישט קיין געבאָרגטע פון די קבלה־ספרים. ער לעבט פּאָעטיש אין אַ מיסטישער וועלט, ער שאַפט זי מיט אייגענער בילדלעכקייט. און כאָטש די מיסטישע וועלט איז זיין אייגענע, איז זי דאָך אַריינגעוואַקסן אינעם אידישן מיסטיציזם.

די פּאָעמע „די לעגענדע נח גרין", וואָס אויף איר נאָמען רופט יעקב פרידמאַן דאָס בוך, איז געדרוקט צום סוף. פאַרוואָס ער האָט גראָד אָט־די פּאָעמע אויסגעקליבן פאַרן נאָמען פונעם בוך, איז מיר נישט קלאָר, — מסתמא איז זי אים פּאָעטיש גאָר נאָענט, — קלאָר איז אָבער, אַז אין איר שאַפט ער אַ מין פּאָעטישן זכרון, וואָס גייט אַריבער די גרענעצן פון אונזער געדענקען. ער געדענקט זיך נאָך איידער דעם איידער, בעת ער האָט זיך נאָך געשיפט „אויפן שיינעם לבנה־האָרן" און „גאָט ברוך הוא האָט נאָך געקושט די ווערטער פון מיין ליד". נישט קיין קבלה איז עס, אָבער אין דער פאַנטאַזיע איז דאָ דער אידישער גאַנג, דער קבלה'שער, אַז די נשמה פונעם מענטשן לעבט אין די העכערע וועלטן, איידער זי קומט אַרונטער אויף דער זינדיקער וועלט און באַזעצט זיך אין אַ גוף. און דאָ דערהויבט זיך פרידמאַן צו גרויס־פּאָעטישער געדאַנקלעכקייט, אַ געדאַנקלעכקייט, וואָס איז פאַרנעפּלט, אָבער פּאָרט שפּירן מיר איר קלאָרקייט. אַז ער זאָגט: „דער אין־סוף וויל אויפהאַלטן נאָך אַ רגע זיין וואונדערלעכע געשטאַלטלאָזיקייט", וואַקסט די געשטאַלטלאָזיקייט אויס צו אַ מיסטישן געשטאַלט, וואָס איר זעט עס. דאָס איז כח פון דער ריינער פּאָעזיע, וואָס געשטאַלטיקט אויך דעם נישט, דאָס אומגעשטאַלטיקע.

אַז איר לייענט די פּאָעמע, האָט איר דעם איינדרוק, ווי דער פּאָעט שפּירט אין זיך די לעגענדע, אָדער אַז ער האָט זיך אַליין געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ לעגענדע. דער צונויפבונד פון זיך מיט די וועלטן איבער זיך איז אין דער פּאָעמע אַזאַ אינטימער, אַזאַ אָרגאַנישער, אַז איר זעט ווי אין פרידמאַנען איז ער — דער צונויפבונד — אַ ממשות'דיקער. אַזאַ אינטימקייט מיטן לעגענדאַרישן איידער איז גרויסע פּאָעטישע פאַנטאַזיע, אָבער דער עיקר איז זי אידיש־מיסטיש.

יעקב פרידמאַן געשטאַלטיקט זיך אין עטלעכע געשטאַלטן. האָבן מיר געזען, ווי ער האָט זיך אָנגעטאָן די מאַסקע פון אַ נח גרין, וואָס דורך אים וויל ער איבערגעבן די מיסטישע איבערלעבונגען זיינע. אַן אַנדער זייט פון זיין אייגענעם געשטאַלט גיט ער אונז אין דער פּאָעמע „פון פּראָפעסאָר



טשאַרניקוס' לעבנס־געשיכטע". דאָ איז ער שוין מער ערדיש. אונטערן לבוש פונעם טשודנעם פּראָפעסאָר דערציילט ער פון זיין אייגענער קינדהייט, ער לאָזט „אויפציטערן די צאַרטע דערמאָנונגען" פון זיין „קינדישן קעניג־רייך" און, —

איצט זיץ ביי די ברעגן און גאַף אויפן כוואַליעדיקן גאַנג.
וואָרהאַפטיק, דער טייך רינט און פאַררינט,
און בלייבן בלייבט בלויז דאָס געזאַנג...

די דערציילונג דאָ איז שוין אַ כמעט רעאַליסטישע, אָבער ביי יעקב פרידמאַנען איז נישט שייך קיין רעאַליזם, וואָרים וואָס ער דערציילט, איז אַ פּשוט אַ פאַרהילט אין אַ שלייער. דאָס סאַמע פּשוטע דערגייט אַלעמאָל צו עולמות עליונים. ער האָט דעם פּאָעטישן כח אויסצופאַנטאַזירן דאָס סאַמע פּשוטע, דאָס געוויינטלעך־מענטשלעכע. אַז דער פעטער יונה איז געשטאָרבן, דערציילט „פּראָפעסאָר טשאַרניקוס", איז ער צו דער לוויה נישט מיטגעגאַנגען, —

... כ'האָב געפאָרכט זיך צו באַגעגענען דאָרט מיט גאָט.
כ'האָב געטראַכט: ער ווייסט שוין, אַז אַנטפלעקט איז מיר דער סוד,
אַז ער, דער באַשעפער, וויל העלפן, נאָר ער קען נישט...
און ער וועט געוויס זיך שעמען מיט זיין אוממאַכטיקייט.

דערציילט ער אַ פּשוטע מעשה פון איינעם אַ בחור סיאָמע, וואָס מיט אים איז ער געווען אינאיינעם אין בערשאַד, — די טרויעריק־בלוטיקע טראַנסניסטריע, וואוהין היטלער האָט פאַרטריבן די רומענישע און בעסאַראַבישע אידן. דער סיאָמע איז געווען אַ פּאָעט, געשריבן לידער צו זיבעצן יאָר און געזאָגט, אַז ער „פאָרכט זיך נישט פאַר טויט, אָ ניין, נאָר סע כליפּעט מיין האַרץ מיט רחמנות צו מיינע נישט־דערזונגענע געזאַנגען". סיאָמע איז אומגעקומען אין רוסלאַנד און האָדל, פרידמאַנ'ס שוועסטער, האָט מיט זיך געבראַכט אַ בינטל לידער זיינע. איז אינעם לידער־בינטל דאָ אַ ליד וועגן פּרץ מאַרקיש און פרידמאַן זאָגט:

איך נעם מאַרקיש'ן, אין חלום, אַראָפּ פון דער תליה,
זיין גוף פאַרוויקל איך אין ברענענדיקע פאַרמעטן, און אין זיינע אויגן
לייג איך אַריין שערבלעך פון אַ טויזנטפאַרביקן רעגנבויגן,
און אויף די שערבלעך האָב איך גאָטס נאָמען אַריינגעשליפן...

איז פרידמאַן בטבע נישט דער פּאָעט פון בילדלעכן וואָרט, ער פלעגט אייך נישט מיט אַ מעטעפאָר, — אינעם צונויפזינג פונעם ליד איז דאָ אַ מין כישוף, וואָס איר קענט אים נישט באַשיידן, נאָר ער נעמט אייך אַרום און האַלט אייך אין זיינע דין־זיידענע, בלאָע פינגער.

אַמאָל דאַכט זיך אייך, אַז ער גייט אַרום אַ תמעוואַטער אויף דער וועלט, נאָר אָט בליצט־אויף חכמה אין אים, וואָס איז נישט קיין געקליגלטע, נאָר קוואַלט אַרויס פון דער נשמהדיקער גאַנצקייט זיינער. איר קוקט זיך אַרום, אַז דער פּאָעטישער תם איז גאָר אַ קלוגער פּאָעט.

יעקב פרידמאַן קומט אַרויס פון דער ריזשינער גזע. ר' ישראל'טשע, דער אַלטער ריזשינער, האָט איינגעפירט אַ נייעם דרך אין חסידות: מלכות. ער האָט ממש געפירט אַ מלוכה, איז אַרומגעפאָרן אין טייערע קאַרעטן, האָט געגעסן פון גילדענע כלים, איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיידנס און אַטלאַס. זיין אור־אור־אייניקל, אונזער פּאָעט יעקב פרידמאַן, האָט געוואָלט פּאָעטיש באַזינגען דעם דאָזיקן רביאישן דרך, וואָס האָט, דרך־אגב, שאָקירט אפילו אַ סך

חסידים פון יענער צייט. טוט ער עס אין דער וואונדערלעכער פּאָעמע „מלכות״. דערציילט ער, ווי דער ריזשינער פֿאַרבעט צו זיך אינמיטן נאַכט די ל״ו צדיקים און, ווי די אָרעמע אידעלעך, די האָלצהעקערס און וואַסער־שעפּערס, פֿאַלן אַריין אינעם רבינ׳ס קעניגלעכן פּאַלאַץ. זיי זיינען געפּלעפּט, זיי זעען, אַז ער גייט אין גילדענע שטיוול און —

דאָס קלענסטע פון די ל״ו טוט תמימות׳דיק אַ ברום :
— ריזשינער רב, ווי אַזוי גייט מען עס אינמיטן מיטוואָך
מיט באַגילדטע שטיוועלעטן אַרום ?

ר׳ ישראל׳טשע גייט איבערן מירמלנעם דיל און די ל״ו זעען, ווי דער דיל ווערט אָפּגעגאָסן מיט בלוט: די גילדענע שטיוועלעטן האָבן נישט קיין זוילן, אונטערן גאָלד איז וואונד, איז רינענדיק בלוט. סע איז מלכות מיט פּיין, מלכות מיט טיפן אידיש־מענטש בלוט. סע איז באַוואוסט, אַז חסידים און היינטוועלטיקע אַפּאָלאָגעטיקער פון חסידות האָבן געפּרואווט פֿאַרענטפערן דעם אַלטן ריזשינער׳ס דרך אין חסידות, אָבער קיינער האָט אים נישט געגעבן אַזאַ תיקון, ווי דאָס אור־אור־אייניקל זיינס, דער אידיש־פּאָעט יעקב פרידמאַן.

— וואָס פֿאַר אַ אידישער פּאָעט האָט דאָס תקיפות צו זאָגן אַזוי ? —

דעם לאַמטערן, מיט וועלכן מיין זיידע, דער נסתר,
פלעגט אַנטקעגנגיין משיחן יעדן חצות,
האָב איך באַהאַלטן אין ווייסן שנייאיקן גלאָז
פון מיין חלום — בליצט ער נאָך איצטער.

ער באַרימט זיך נישט, חלילה, מיט דעם, ער בויט זיך נאָר אַליין אויף פּאָעטיש, ער איז דער זינגער פון אַ גרויסער אידישער וועלט, וואָס אַפילו אין צעבראָכנקייט, אַפילו אין די צעוואונדיקטע, בלוטנדיקע טריט הינטער די גילדענע שטיוועלעטן איז אין איר געווען גאַנצקייט. דער עיקר: די גאַנצע אידישקייט איז ביי אים געוואָרן גאַנצע פּאָעזיע, פולע אידישע שירה.

*

י. אַדלער

## אַ ליבע־בריוו צו ניאַגאַראָ

ניאַגאַראַ !
דו ביסט און וועסט בלייבן גאָטס גרעסטער וואונדער !
איך האָב דיך אין מיין לעבן פיר מאָל באַוואונדערט :
דאָס ערשטע מאָל אין ניינצן הונדערט און זיבן.
און איך בין דריי מעת לעת ביי דיר פֿאַרבליבן.
ווי וואונדערלעך איז פֿאַר די מענטשלעכע אויגן
דיין זיבן־פֿאַרביקער רעגנבויגן !
און איבער דעם רעגנבויגן
דריי און פיר רעגנבויגנס.
ווי דו, ניאַגאַראַ, וואָלסט געטראָגן פיר קרוינען.



דיין לשון, דיין שפּראַך, קענען מיר,
דיינע קינדער, נישט פֿאַרשטיין.
אין דיין שפּראַך ליגט אַ כישוף.
דו שרייסט, דו פּילדערסט, דו שטורעמסט און דו בייזערסט זיך.
אין דיינע גוואַלדן, אין דיינע קולות ליגט די ברכה פון גאָט,
זיין פרייד וואָס ער האָט דיך באַשאַפן !
גאָט דער אַלמעכטיקער האָט צונויפגעזאַמלט אַ סך וואַסערן,
אַ סך שטראָמען, אַ סך טייכן אויף איין פעלז, אויף איין אָרט
און אַ זאָג געטאָן :
„ווייזט וואָס איר קענט !
שפּרינגט אַרונטער, נאָר ניט באַגייט קיין זעלבסטמאָרד !״
אַך, ווי קליין, ווי אָרעם מיר, גאָטס קינדער,
זיינען אַנקעגן דעם וואונדער,
וואָס רופט זיך ניאַגאַראַ !
צען טויזנט טרומייטן און צען טויזנט פלייטן
באַגלייטן דיין קראַפט, דיין גרויסקייט, דיין שטאַרקייט, ניאַגאַראַ !
אין דיינע דונערן, אין דיין גערויש, אין דיינע גוואַלדן,
אין דיין אַרונטערשפּרינגען פון אַזאַ הויך —
ליגט גאָטס כח !
גרויס איז גאָטס פֿאַרמעגן.
דו, ניאַגאַראַ, ביסט אַנקעגן דעם גרויסן באַשאַף פון דער וועלט
בלויז אַ פונק, אַ שטויבעלע, אַ טראָפּן פון גאָטס קראַפט.
פֿאַרוואָס גאָט האָט דיך, ניאַגאַראַ, באַשאַפן,
איז פֿאַר דיינע קינדער אַ סוד פון סודות.
דו, ניאַגאַראַ, וועסט אפשר אויך אַמאָל האָבן אַן ענדע,
אָבער בלייבן וועסטו אַן אייביקע לעגענדע !

*

יוסף רובינשטיין

## לידער

### דער שפּרייז פון יאָרן

צעבלייכטע נעכט. פֿאַרגעסענע, צעקרימטע, שטומע גאַסן.
דו גייסט אַרום און טרעפסט נישט קיינעם — ליידיק, פוסט און שטיל.
די גאַסן קוים באַלויכטענע. אין שפּעטן שיין אין בלאַסן
דיר דאַכט זיך אוים : ס׳איז נישט קיין גאַס — אַ סצענע גאָר, אַ שפּיל.

נאָר קיינער איז נישטאָ. דער זאַל איז פוסט און די אַקטיאָרן —
זיי זיינען זיך צעגאַנגען שוין, צעלאָפן זיך — אַוועק.
נאָר דו אַליין, דו טונקלסט דאָ. דו הערסט דעם שפּרייז פון יאָרן,
וואָס הילכן אָפּ אין דיינע טריט, אַזוי מין ווייט מיט שרעק.

## ס׳וועט נישט פאַרפאַלן גאָרנישט

ס׳קען זיין דאָס וואָרט, וואָס דו רעדסט אוים בלייבט אייביק
אין דער לופט,
ס׳בלייבט אייביק שוועבן אין דעם רוים דיין בליק און דיין באַגער.
עס טרעפט ביינאַכט דו הערסט אַמאָל דורך ווייטקייטן מען רופט —
אַ וואָרט פון טויזנט יאָר צוריק גייט אויף און בעט זיך: — הער! —

ס׳וועט נישט פאַרפאַלן גאָרנישט — ניין! ס׳בלייבט איבער
יעדער ריר.
ס׳איז דאָ אַ האַנט וואָס נעמט צענויף, אַן אויג וואָס ציילט, וואָס וואַכט.
מיין וואָרט, קען זיין, מיין ציטער־קול וועט אויך דערגיין צו דיר,
דו מענטש, פון טויזנט יאָר אַרום, אין דיין צעבלויטער נאַכט.

## אין לאַנד פון פאַרלאָרענע זאַכן

אין לאַנד פון פאַרלאָרענע זאַכן,
אין גאַס פון פאַרגעסענע רייד —
דאָרט שטויבן פון הונדערטער שפּראַכן
די ווערטער פון אומעט און פרייד.

דאָרט וואַלגערט זיך ערגעץ מיין וויגל,
מיין קינדעריש־פאַרגעסענער בליק.
און ס׳וויינט אין צעבראָכענעם שפּיגל
אַ שמייכל פון כלומרשטן גליק.

*

יוסף חיים ברנר

## אין אַ טאָג פון יום־טוב

40 יאָר נאָך זיין
טראַגישן טויט

— — — „צו דער משפחה פון שרייבער מיט אַ באַזונדערן צויבער פון פּער־זענלעכקייט האָט געהערט יוסף חיים ברנר. זיין ירושה פאַר דורות איז איינגעוועבט אין זיינע ווערק. אָבער די וואָס האָבן געקענט דעם לעבעדיקן ברנר ווייסן, אַז צוזאַמען מיט אָט־דער ירושה, האָט ער זיי איבערגעלאָזט נאָך אַ ירושה, און זי איז אויך אַ וואונדער־ירושה — מיטן עצם באַריר מיט אים, מיט זיין גאַנצן וועזן. און ס׳קומט אויף אַ טיפער טרויער ביים געדאַנק, אַז מיטן לעצטן עדות פונעם לעבעדיקן ברנר וועט זיך פאַרענדיקן און פאַרגיין דער טייל, וואָס אויך ער איז דאָך אַזוי וועזנטלעך פון דער דערשיינונג יוסף חיים ברנר״. — דוד זכאי.

עס איז יום־טוב אינדערפרי. ליכטיק. די האַרבסטיקע זון שיינט אַריין דורך די שויבן פון דעם איינציקן פענצטער וואָס אינעם איינציקן צימער פון אונזער דירה. די פּאָדלאָגע איז אויסגעשמירט מיט געלן ליים. אויך דער אויוון איז פריש אָפּגעקאַלכט. אַ געמיט פון רואיקייט שוועבט אין דער לופטן. ס׳איז יום־טוב... דער טיש איז צוגעדעקט מיט אַ ווייסן סערוועט. אינדער־הויך איבערן פענצטער איז פאַרצויגן אַ ווייס פאָרהאַנגל. דער טאַטע איז



אין בית־מדרש, און די מאַמע אָנגעטאָן אין אַ ציצענעם קלייד זיצט ביים טיש און לייענט מיט האַרץ דעם „שמחת הנפש״. דער טרויער און פאַרדראָס וואָס זי איז ניט געגאַנגען אין בית־מדרש לאָזן אָפּ פּאַמעלעך. עס קומט ביי איר אויף אַ פרייד וואָס אין הייליקן ספר שטייט אַז עס איז אַ גרויסע מצוה צו זיצן אין שטוב און אַכטונג געבן אויף די קינדער. דער רבונו של עולם געפינט זיך אומעטום וואו מען בעט צו אים. אַ גרעסערע עבירה באַגייען די ווייבער וואָס קלייבן זיך אויף אין גאָטס הויז און רעדן לשון־הרע, און האָבן קנאה אין האַרצן... למשל, אָט די מרים, די באַלעבאָסטע פון דער דירה, וואָס איז אַוועק אין בית־מדרש מיט איר מאַן, מענדל, און לייענען די תפילות קען זי דאָך ניט... איז צוליב וואָס איז זי געגאַנגען? —

דעם טרויער אירן פילט מען אַרויס פון דער שטים וואָס ווערט אומע־טיקער און באַהאַרצט, וויינענדיק און מיט אַ קרעכץ. זי טראַכט וועגן מרימען, איר שלעכטסקייט, און וועגן די גוטע פיש וואָס זי האָט געקויפט אויף יום־טוב. זי לייענט די מעשה וועגן דער מוטער פון דעם הייליקן תנא, זיין זכות זאָל אונז ביישטיין, וואָס האָט געוואָלט וואַשן די פיס פון איר זון, דעם תנא, און טרינקען דאָס וואַסער...

איך זיץ אין ווינקל און עס פלאַצט אין מיר מיין גאַל: וויפל איך האָב זיך ניט געבעטן ביים טאַטן ער זאָל מיך מיטנעמען אין בית־מדרש — האָט ניט געהאָלפן. און איך קען דאָך זאָגן „קדושה״ און ברכות. און אַז איך בין אַ באָרוועסער? איז וואָס?

איך האָב געפּרוּווט זיך אַרויסגנבענען פון שטוב און זיך נאָכיאָגן נאָכן טאַטן — האָב איך זיך אומגעקערט נישט מיט ליידיקן: ער האָט מיר אָנגע־בייקערט די ביינער.

דערנאָך ווערט מיין שטימונג לויטערער. איך הייב זיך אויף אַן אויפ־געהייטערטער און שטאַרק ערנסט. איך כאַפּ דעם שטול, וואָס עס פעלט אויף אים דער אָנלען, און שטעל אים אַוועק אינמיטן צימער — דאָס איז די „בימה״; איך וויקל זיך איין אין דער מאַמעס פאַטשיילע — דאָס איז דער טלית. דעם טאַטנס לאַנגע שאַל וויקל איך אויף ווי אַ ספר־תורה, און איך קוש איר און מאַך מיט איר הקפות אַרום שטול, און איך זאָג „ניום־ניום־ניום״ און איך טאַנץ מיט מצוה־פרייד. איך לעב אין מיין וועלט!

די זון יום־טובט, און אַלץ איז באַגאָסן מיט אירע שטראַלן. דער וואַנט־זייגער, אַביסל קאַליע, קלאַפּט מיט אַ שנעלקייט וואָס רופט־אַרויס אַ געלעכטער. ס׳איז עלף אַזייגער, די צייט ווען אידן גייען אַרויס פון בית־מדרש. די מאַמע רייסט איבער דאָס לייענען, גייט צו צום פענצטער און שעפּטשעט „שלום געצל״. זי דערמאָנט זיך, אַז פאַרן גיין אין בית־מדרש האָט ער שטאַרק זיך פאַרנומען מיטן צעקעמען די באָרד. ביי אַ האַלבע שעה איז ער גע־שטאַנען ביים צעשפּאָלטענעם שפּיגל וואָס איז צוגעקלעפּט מיט ליים צו דער וואַנט. ניט טראַכטנדיק גייט זי צו אַליין צו צום שפּיגל און פאַרריכט די האָר פון אונטער דער שאַל. פּלוצלונג דערזעט זי מיך. אַ צאַרטקייט צעגיסט זיך אויף איר פאַרזאָרגטן פּנים:

— אוי, חכם מיינער, טייערער! אוי, זון מיינער. אַזאַ חכם ווי דו איז דאָך אויף דער וועלט ניטאָ! אַ תנא וועט ער ביי מיר זיין. זע נאָר אַ בית־מדרש געמאַכט! מיין טרייסט! וויין ניט מיין זון. דער טאַטע האָט דיך אָנ־געשלאָגן... אַ טאַטע, ניט קיין אַנדערער... באָרוועס נעבעך דאָס קינד...

ער וועט קומען וועט ער זען ווי דו שפּילסט זיך... שפּיל זיך, זונעלע. באַלד וועלן מיר עסן מיטאָג...

איך ווער נאָך מער אויפגעפלאַמט אין דער שפּיל. און די מאַמע רעדט צו זיך אַליין, אַז מען דאַרף קויפן שיך פאַרן קינד, פאַרן חכם אירן, און זי גרייט צום טיש די לעפל מיט די גאָפּל, גיט נאָכאַמאָל אַ קוק אין שפּיגל און זעצט זיך דערנאָך אויף איר פריערדיקן אָרט.

אָנהויב גאַס באַווייזן זיך די מענטשן, וואָס גייען גרופּנווייז פון בית־מדרש. אייַנגעבויגענע אידן, אָנגעזעטיקטע מיט פאַרגעניגן פון דעם חזן, פון די קריגערייען אין קלויז, פון דעם יום־טוב און דעם מאָלצייט וואָס וואַרט אויף זיי. זיי גייען און כאַפּן אַ שמועס צווישן זיך. יונגעלייט מיט קורצע בערדלעך, טראָגן די אויסגעהאַפטענע טלית־זעקלעך אונטערן אָרעם, שלעפּן זיך נאָך זייערע יונגע ווייבלעך, וואָס זיינען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. ווייבער, פּלאַפּלערקעס, פאַרענדיקן זייער שמועס, און צעגייען זיך, און באַלד קומען זיי זיך צוריק צוזאַמען און מאָלן מיט די צינגער ווי פריער

— עס איז זיי שווער זיך צו צעשיידן און באַרואיקן זייערע מיילער; קינדער, מאָגערע און קרענקלעכע, טראָגן גראָבע סידורים אין די הענט. אַ גאַנג וואָס ס'איז פאַראַן אויף וואָס אַ קוק צו טאָן.

ביי אונז אין שטוב איז אַ שטילקייט פון דערוואַרטונג. די מאַמע איז צוגעקלעפּט מיט די אויגן צו די שויבן פון פענצטער, זי נישטערט און זוכט צווישן די פאַרבייגייער. איר פּנים דריקט אויס זאָרג און האָפענונג, און אַנטוישונג. זי קען ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק... זי האָט זיך אַזויפיל אָנגעהאָרעוועט צוליב אים, און אַלץ איז געראָטן, גאָט צו דאַנקען, אַלץ איז אָפּגעקאָכט, און אויסגעבאַקן ניט ערגער ווי ביי אַנדערע אידן.

און אים זעט מען ניט!

מען דערהערט מרימס שטים ווי זי רעדט מיט אַ שכנה. די רייד פליִצן ווי אַ טייך. צימעס... די גבירטע... די ראָטאָנדע... סוף־כל־סוף גייט די שכנה אַוועק, און מרים זאָגט איר אָן, זי זאָל ניט פאַרגעסן אַריינקומען נאָך מיטאָג, וועט מען עפּעס נעמען אין מויל... זי וועט וואַרטן אויף איר.

און דער טאַטע איז ניטאָ.

אָט גייט שוין פאַרביי שמעון דער שרייער, וואָס שטענדיק פאַרשפּעטיקט ער זיך אַרויסצוגיין פון בית־מדרש. ער איז שוין אויך דורכגעגאַנגען. די גאַס ווערט ליידיק. נאָך אַ פאַרשפּעטיקטער גייט דורך, אָבער דאָס איז ניט ער. די מאַמע נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון פענצטער. זי איז ווי פאַרגליווערט. איך גיי צו צו איר. מיין באַק רירט זיך אָן אָן איר מאָגערן פּנים. אַ טרער פאַלט אַראָפּ פון אירע אויגן, פאַלט אויף מיין ליפּ און רינט אַראָפּ.

ניטאָ דער טאַטע!

עס טוט אַ סקריפּ אַ טיר. מרים, אַן אויסגעפּוצטע אין איר נייעם קלייד, און מענדל אויסגעסטראָצלט אין הויכן צילינדער קומען אַריין מיט אַ טומל. די מאַמע לויפט אַריין צו זיי אין צימער. איך נאָך איר.

— אַ גוט יום־טוב, מרים! אַ גוט יום־טוב, ר' מענדל! מרים, איך האָב דאָך נאָך ניט געזען דיין ניי קלייד. אינדערפרי בין איך געווען פאַרנומען, און אין בית־מדרש גיי איך ניט, גאָט צו דאַנקען; איך האָב דאָרט ניט קיין „שטאָט" אויף צו שטיין... איך וויל זאָגן: איך האָב ניט מיט וועמען איבער־



צולאָזן מיין ירמיה'ן... המ... אַ טייערער געוואַנט... טראָג געזונט און צעריס געזונט. מיין שלום גאַצל האָסטו ניט געזען?

— אַהאַ! עס צאַפּלט דיר דאָס האַרץ פאַר דיין שלום גאַצל? — וויצלט זיך מרים פריילעך, ווי אַ קלוגיטשקע.

— זאָרג ניט, יהודית, — כאַפּט אונטער מענדל זיין ווייבס וויצלען זיך — ער וועט ניט שטאַרבן פון הונגער, חלילה, ער איז אַוועק צום גביר מיט די איינגעלאַדענע אַהין.

— ער איז אַוועק? — ווערט די מאַמע אויפגערעגט און איר שטים ציטערט.

— וואָס איז דאָ אַזוינס? — טרייסט זי מרים — מיך וואָלט ניט געאַרט ווען מענדל מיינער לאָזט מיך איבער און דרייט זיך אַרום אין פרעמדע הייזער זוכן כיבוד! אויף נאמנות, איך וואָלט גאָרניט געזאָרגט... זאָל ער גיין... און דו, גיי און זעץ זיך עסן מיטאָג.

— וואָס הייסט? אָן אים? וואָס בין איך אַ „גויע" וואָס איך וועל זיך אַוועקזעצן יום־טוב אָן אים? אַה, די פיש וועט קאַלט ווערן, קיין טעם ניט האָבן...

— טאָ זאָל ער טאַקע וויסן! — טענהט מרים...

די מאַמע איז אַוועק און האָט זיך געזעצט אויף איר פריערדיקן אָרט. דעם „שמחת הנפש" האָט זי שוין ניט געלייענט. זי האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן. פון צווייטן צימער האָט מען געהערט דאָס קלינגען פון טעלער און לעפל און מרימס שטים וואָס האָט געשמועסט מיט איר מאַן. איך האָב געציטערט זיך אַ ריר צו טאָן און אַ וואָרט אויסצורעדן, כ'האָב אַלע ווילע געקוקט אין פענצטער, און אויף דער מאַמען. איך האָב זיך געשעמט פאַר דער עוולה וואָס דער טאַטע איז באַגאַנגען. איך האָב איבערגעלאָזט מיין „ספר־תורה", שפּילן האָט זיך מיר ניט געוואָלט. אַ שכנטעס מיידעלע האָט מיר געבראַכט איר ליאַלקע איך זאָל איר אויסלערנען „מאַכן המוציא", האָב איך זי אַ שטופּ געטאָן מיט שנאה.

— גיי צו דיין מאַמע!

די שטילקייט ווערט אַ פינצטערע, אַ טרויער... אַן אַנגסטיקער שלאָף באַפאַלט מיך...

פּלוצלונג דערפיל איך ווי מיין מאַמע באַשיט מיך מיט קושן:

— ירמ'לע, זון מיינער, תנא מיינער, חכם מיינער... דו וועסט זיין אַ ליכט פאַר מיינע אויגן... מיט דיר דאַרף איך מער גאָרניט... קינד מיינס — — —

*

אין די ביטערע, קאַלטע ווינטער־טעג האָט מיך די מאַמע געפירט אין חדר צו ר' ישראל דעם דרדקי־מלמד אין דעם שליטל וואָס האָט איר געדינט אויף ברענגען צום טייך וועש צו וואַשן.

ר' ישראל וואָס ער איז געווען גאַנץ זיכער אַז אין אַזאַ פראָסט וועלן ניט קומען זיינע תלמידים לערנען ביי אים זיין תורה (די באַלעבאַטישע קינדער זיינען צעפּיעשטשעט, און די אָרעמע — זיינען נאַקעט) ליגט ער זיך ווי אַ „קייסער" אויפן לעבעלעכן אויוון. לכבוד דער „באַלעבאָסטע", דער מאַמע, קריכט ער אַראָפּ אָן חשק, קראַצט זיך און זאָגט:

— אין אַזאַ קעלט... אין אַזאַ קעלט... ס'איז מסירת נפש... פשוט

מסירת נפש... יע... זאָג איך דאָך שטענדיק: אײן קלײניקײט יהודית! אויפגעצויגן זיך בײ ר׳ ברוכן, זכרונו לברכה... יע... הער זיך צו צו מיר, יהודית... איך זאָג שטענדיק: קײן זאַך װערט ניט פאַרפאַלן, עס איז נישטאָ קײן אומזיסטע אַרבעט אויף דער װעלט, זאָג איך... יע... און נאָך עפּעס. הער זיך צו, יהודית, װאָס איך זאָג: דו דאַרפסט ניט מקנא זײן דעם גביר... ער דינגט אַ מלמד פאַר זיך אַלײן, צאָלט אים אָפּ פופציק רובל אַ חודש — און די זין זײנע — זײנען „גױים״, אײזלשע קעפּ, קײן עברי קענען זײ ניט... װאָס איז אים פאַראַן מקנא צו זײן? דיך דאַרף מען מקנא זײן... הלװאַי װאָלט מײן זון, אַלטער, געקענט אַ צענט־חלק פון דײנעם... דאַרפסטו ניט מקנא זײן דעם גביר... רײכקײט איז בלאָטע. עט...

— פּע... — פּיעשטעט זיך די מאַמע — איך װיל ניט קײן רײכקײט און קײן קנאה — גאָט צו דאַנקען... איך זינדיק ניט... אָבער זאָגט מיר, ר׳ ישראל, עס איז טאַקע דאָ אַ האָפענונג אַז מײן טרחה איז נישט קײן אומזיסטיקע?

אינדרױסן — קערט זיך איבער די װעלט: אַ קעלט, אַ שטורעם, אַ שניי. די מאַמע שטײט אין אַ זומערדיקן מאַנטל, אַ צעריסענעם; די װאַרעמע טוך אויף די אַקסלען איז געלעכערט און נאַס. זי ציטערט פון קעלט און פון אויפגעהײטערטקײט, און זי הערט זיך צו צו די רײד פון דער מלמדקע. ר׳ ישראלס װײב, װאָס גיט זיך אַ כאַפּ אונטער און דערצײלט װעגן מײנע „מעלות״. די אויגן בײ דער מאַמע װערן פײכט און זי װישט זײ אָפּ מיט איר פאַרבלאָטיקט קלײד.

דער װינט ברומט, בײזערט זיך, פליקט. ר׳ ישראל, אין סאַמע ברען פון װינטער, שטײט און פאַרטיפט זיך אין דער פילאָזאָפיע אַז קײן זאַך װערט ניט געטאָן בחינם אויף דער װעלט, אַפילו די מינדעסטע זאַך. פאַר אַלץ איז דאָ אַן אָרט. אַלץ װערט געצײלט, און געמאָסטן, אַלץ פאַראױסגעזען...

— נו ירמיק — גיט ער זיך אַ מונטער — נעם נאָר דעם חומש לײענען „תרגום״. זאָל דײן מאַמע הערן, זאָל זי הערן, עס קומט איר זי זאָל האָבן נחת פון דיר.

*

אַנדערש איז געװען מײן פאָטערס באַציאונג צו מיר. קײן באַזונדערע ליבשאַפט האָט ער צו מיר ניט געהאַט. פונדעסטװעגן איז זײן גאַנץ לעבן געװען פאַרװיקלט אַרום מיר. איך בין געװאָרן אין זײנע אויגן דער מיטל אויף צו דערגרײכן אַ העכערע מדרגה אין שטאָט. מײן אױסגעצײכנטקײט איז געװען פאַר אים אַ פאַנצער אַנקעגן זײנע קעגנערס װאָס האָבן אים אָפּגעשטופּט, װען ער האָט געװאָלט זאָגן ערגעץ אַ דעה און אים אַ שנעל געטאָן איבער דער נאָז, אַז ער רוקט זיך װאו מען דאַרף ניט. ער איז דאָך דער טאַטע פון דעם „עילוי פון שטאָט״! — — — איך בין געװען זײן שטענדיק „לידל״, אומעטום װאו ער איז געגאַנגען און געשטאַנען. אים האָט זיך געדאַכט אַז די גאַנצע שטאָט האָט ניט קײן אַנדערע זאָרגן — נאָר „זײן ירמיהו״. די פאָרשטעלונג זײנע האָט זיך בײ אים פאַרשטאַרקט װען איך בין אַריבער פון דעם דרדקי־מלמד צו אים, צו מײן טאַטן, אין חדר, און אין מײן זכות האָט מען צו אים אָפּגעגעבן אײניקע פון די בעסטע תלמידים אין שטאָט. איך בין נאָך דעמאָלט נישט אַלט געװען קײן זיבן יאָר. איך האָב שוין אָפּגעלערנט דעם ספר ויקרא, במדבר, אַ העלפט פון ישעיה און אַ טײל



פון תרי־עשר. דאָס לײענען העברעאיש, אמת, איז נאָך מיר אָנגעקומען שװערלעך. דאָך האָט דער טאַטע אָנגעהױבן לערנען מיט מיר בבא מציעא כדי װײזן װאָס איך קען. ער האָט פאַרטױבט די אױערן מיט מעשיות און גוזמאות:

— איר װעט מיר גלױבן, ר׳ משה, ער האָט דאָך אָנגעהױבן גלײך פון „שנים אוחזים״ און נישט פון „המפקיד״. אַז װאָס איז פאַר אים דער אונטערשײד? די מעשה איז אַזױ... באַלד דעם ערשטן טאָג... ער האָט מיר גלײך געשטעלט אַ קשיא פון מהר״ם, װי איך בין אַ איד... אָט דער קלײנער! איך האָב אים ניט געװאוסט װאָס צו ענטפערן, װי איך בין אַ איד, און ער לאָזט ניט אָפּ: פאַרענטפער מיר די קשיא! כאַ־כאַ... איך גיב אַ קוק אין די מפרשים אַהער, אַהין — דער מהר״ם!

זײנע באַמיאונגען און מײן אײגענער פאַרלאַנג צו מאַכן זיך אַ נאָמען האָבן געהאַט אַ פעולה. מײן פאָטער האָט דערפילט אַז פון איצט אָן קען שױן ניט דער גביר אָפּשטופּן אים מיט ביטול: „שלום געצל, װיפל מאָל האָט מען דיר געזאָגט אַז אַ מלמד דאַרף זיך ניט מישן אין אַזעלכע זאַכן!״

— איצט איז ער ניט גלאַט אַבי װעלכער מלמד. די גאַנצע װעלט װײסט, אַז בײ אים אין שטוב — צוליב דעם קלײנעם באָרװעסן אינגל — װאַקסן צװײ טױזנט רובל נדן. און יהודית, אָט־אָ־די יהודית מיטן צעקנײטשטן פּנים, מיט די גריבעלעך און פלעקן אויפן הויט, האָט זי אַ געבענטשטן טראַכט פון װאַנען עס קומען אַרױס „עילױים״.

אַז עס איז אים געװען גוט אױפן האַרצן און דער גליק האָט זיך אַריבערגעגאָסן איבער די ברעגן, איז ער געקומען זיך טײלן מיט יהודיתן. אין דער רגע האָט זי פאַרגעסן אַלע אירע יסורים און אַלע אירע בזיונות און איז געװען פול מיט דאַנקבאַרקײט און דער נחת װאָס זי האָט געהאַט איז אָן אַ גרענעץ. דער טאַטע פאַרלײגט אַ פוס אױף אַ פוס, שפּאַרט זיך אָן אױפן אָנלען פון שטול, צײלט די װערטער און רעדט מיט הנאה װעגן זײן „גרױסקײט״: ער איז נישט קײן מלמד װי אַלע מלמדים; אַ מלמד איז ער נאָר אין זײן חדר, אָבער אַ „בעל־הבית״ איז ער אומעטום. און דעם פאַרגאַנגענעם יום־טוב איז ער געװען אַפילו בײם גביר אין שטוב.

— דו פאַרשטײסט, יהודית?

— איך פאַרשטײ, איך פאַרשטײ... װאָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטײן?

— אַי, אַ אידענע בלײבט אַ אידענע! דו קענסט עס ניט באַגרײפן... בײם גביר איז דאָך געװען אַ חנוכת־הבית, האָט ער פאַררופן דעם רב, און משה שמערלס, און ר׳ צדוק „דעם יחסן״, און אלימלך דעם פּראָצענטניק... ישראל דעם דרדקי־מלמד האָט ער ניט גערופן, כאַ־כאַ... און איך רײד זיך אַזױ הײמיש צום גביר: ר׳ נתן, זאָג איך, ר׳ נתן, אָ־אָ... ר׳ נתן —

— װאָס זאָג איך דען? דו װײסט דאָך, איך האָב דיר דעמאָלט אַ װאָרט ניט געזאָגט װען דו ביסט צוריקגעקומען. ס׳איז ניט מײן טבע, װי בײ אַנדערע װײבער, װי בײ איר למשל (זי װײזט מיטן פינגער אױף מרימס דירה)... נאָר פונדעסטװעגן... איך זאָל אַזױ לעבן, אַז גלײכער װאָלט געװען, װען דו קומסט פון בית־מדרש אַהײם צו דײן װײב און דײן שטוב... איך זאָל אַזױ לעבן... דאָס גאַנצע גוטס איז דאָס בײ די גבירים? בײ אונז איז ניט געװען ערגער, גאָט צו דאַנקען, װי בײ אַלע אידן... די יויך איז געװען װי קרישטאָל, די גאַנצע פאָלקעלע פון דער געלער הון איז דאָרט

געווען... אין דער טייגעכץ איז צעגאַנגען אין מויל. און אויב נישט פונקט אַזויווי ביים גביר — איז וואָס? גאָט צו דאַנקען. דער עיקר איז טאַקע דער פרעס? האַ?

— „אַזויווי ביים גביר״ — שפּאָט אָפּ דער פאָטער און ווערט אויפגעלעבט — אַי ביסטו אַ חכמה! הלוואי וואָלט אויף ירמיה׳ס חתונה געווען אַ העלפט וואָס איך האָב דאָרט געזען! אַלערליי געבעקס, כל־מיני זיסוואַרג, היינט די פיש און די פלייש, און פּאָטראַוועס. און די גבירטע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גאָלדענעם זייגער... יעדע שפּייז וואָס מען האָט געגעסן...

— בקיצור, — באַמערקט די מאַמע שטיל — מיט פרעמד געלט וואָלט איך אויך געקענט זיין אַ „בריה״ און איך וואָלט אויך געמאַכט געבעקס און אַלץ...

— אַי! — פּראָטעסטירט דער טאַטע מיט אַ מאָדנער באַוועגונג, ווי ער וואָלט געזאָגט: זיי ניט קיין נאַר, ווענט האָבן אויערן, מען טאָר דאָס ניט ריידן!

— וואָס זאָג איך דען? איך זאָג נאָר... גוט וואָס דו קומסט צווישן מענטשן... דיין אַרבעט איז אַזאַ... אָבער יעדע זאַך מיט אַ מאָס... ווען דו וואָלסט געקומען אַהיים, וואָלסטו מיר ניט פאַרשטערט דעם יום־טוב... איך האָב געטראַכט: עס וועט קומען יום־טוב... אַ ליכטיקער יום־טוב... מיר וועלן זיצן אַלע ביים טיש... וואָלט איך אויך געוואוסט פון אַ יום־טוב ביי אידן... איך דאַרף שוין גאָר קיין נחת ניט האָבן אין מיין וועלט? ערשט... ביסטו געקומען אין אָוונט, שיכור ווי לוט. ירמיה איז געזעסן אין ווינקל ווי אַ פאַרזינדיקטער. עס איז געווען אַ רחמנות אַ קוק צו טאָן אויף אים. געזעסן, געזעסן און איז איינגעשלאָפן...

— ירמיה! — דערמאָנט זיך דער פאָטער דעם עיקר פון זיין קומען צום גביר — אָט דאָס איז דאָך וואָס איך זאָג, דו קענסט דאָס ניט פאַרשטיין. דער גביר זאָגט מיר: „לחיים, שלום געצל!״ און ר׳ צדוק „דער יחסן״: „לחיים, שלום געצל! וואָס מאַכט דיין קליינער?״ און דער רב זאָגט: „אָ, דער קליינער וועט נאָך זיין אַ גדול!״

און דער טאַטע ווערט צעשמאָלצן פון נחת.

אידיש: ק. מ.

*

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# לידער

## און וואָס וועט זיין —

און וואָס וועט זיין —
אַז צוריק וועלן קומען די פליער
און זאָגן אַז עס איז קיין הימל נישטאָ?
איז וואו וועל איך ווענדן די בליקן,
אויב ניט העכער, ניט אויבן?

ווי וועל איך פאַרטראָגן די גרויקייט פון רעגן?
פון שטיינערנע גאַסן די שטויבן?



וואו וועל איך זיך רעטן פון שווערן דערווידער?
און ווער וועט מיר העלפן צו שרייבן די לידער?
אויב ס׳איז גאָרניט מיט גאָרניט דאָרט אויבן?

נאָר איך וועל די פליער ניט גלויבן.
איך וועל זיי ניט גלויבן...

ווייל איך האָב אַ מלאך געזען,
ניט איין מאָל, אַ סך מאָל,
און ער האָט מיך מציל געווען —
פון פלאָגן וואָס דראָען.

און איך וועל די פליער ניט טרויען.
איך וועל זיי ניט טרויען.

און וואָס וועט זיין —
אַז צוריק וועלן קומען די פליער
און אָפּלייקענען דעם גן־עדן?
די היים פון צדיקים?
איז ווי וועט מיר גליקן
אַריבער פאַפּירענע בריקן
אויב נישט מיט צדיקים?
אויב כ׳וועל זיך ביי זייערע פּאָלעס ניט האַלטן,
ווי וועל איך אַריבערגיין גריבער און שפּאַלטן?
ווער וועט מיר מיין אָרעמען נפש דערהאַלטן?
און וואו וועל איך אויפלייזן טרערן?

נאָר איך וועל די פליער ניט הערן.
איך וועל זיי ניט הערן.

ווייל איך האָב צדיקים געזען,
ניט איין מאָל, אַ סך מאָל.
זיי זיינען געגאַנגען אין יאָך און אין קלעם,
געטראָגן די וועלט אויפן רוקן.

וועל איך אויף די פליער ניט קוקן.
ניט אומקוקן זיך און ניט קוקן.

עס קענען צום הימל דערגרייכן
די וואָס וועבן די הימלישע בלויען,
און האָבן אויף נסים געשפּאַנט ווי אויף טרעפּ
און קענען די גענג פון נהרדעא.

## ווייסע נאַכט

ווייסע נאַכט, מיין פֿרייד־און־ווײ,
ביסט ליכטיקער פֿון ליכטיקן באַגינען.
עס זעגלט אויף אַ ווייסע שיף אויף איסט־בראָדוועי,
וואו כ׳קען באַטאָג קיין זעגל נישט געפֿינען.

אַ שטילער שטערן דערלאַנגט מיר אַ בילעט,
אַ גילטיקער פֿאַר אַלע ימען,
און איך טו אָן מיין אוראַלטן זשאַקעט
און צי אַוועק אויף נאַכט־פֿאַרטרויטע לאַנען.

וואו פֿירסטו מיך, מיין שיף?
ווער איז דער באַשטימער פֿון מיין רייזע?
איך קען ניט לייענען דיין מאַפּע־יעראָגליף,
און די צייכנס פֿון דיינע ווייזערס.

איך בין אַ זעעוודיקע און אַ סגי נהור,
און ווער געפֿירט אויף וועג דיינעם געהיימען.
פּאַק איין אין באַגאַזש מיין קראַנץ פֿון טרויער
פֿון אַלע מיינע אָפּגעפֿליקטע היימען.

פּאַק איין מיינע פֿאַרברענטע טעפּלעך,
די צעקנאַקטע שטערצלעך, שערבלעך, שערבלעך,
פּאַק איין מיין תהו מיט די גאָלד־באַפּוצטע קנעפּלעך,
ווייל תהו איז אומשטערבלעך.

פּאַק איין די בריוו מיט די פֿאַרשוואונדענע אַדרעסן.
מיט קאַלטן גרויל זיי בריען מיינע אויגן.
זיי זיינען אויסער יאָרן און מעת־לעתן
אין מיין מאַרך אוןביין אַריינגעזויגן.

פּאַק איין מיין שאָטן וואָס איז שווערער פֿון מיין גוף,
ער גייט נאָך מיר מיט אייביקער רגילות.
ס׳איז יום טוב אָדער וואָך, ס׳איז בליאונג אָדער וועלק,
מיין שאָטן קומט און שעפּטשעט מיר מגילות.

פֿיר מיך אין אַ לאַנד פֿון צוקערלעקעך,
וואו כרובים זיצן מיט קינדערלעך און נאַשן.
דאָס איז פֿון מיין דינגעניש דער העכסטער מקח.
דאָרט ברויזט דער יין המשומר אין די פֿלאַשן.



גיב מיר אַ זופּ פֿון אים, אָט דאָ אויף איסט בראָדוועי,
אין זכות פֿון אידן וואָס וויינען אין די חצותן.
איך בין אַן אפּיקורס, נאָר איך וויין מיט זיי,
מיט זעלבער עצבות און פֿאַרדראָסן.

איך בין אַ שווערער פּאַסאַזשיר, מיין שיף —
פּעק מיט יאָמער, שופֿרות מיט געקלאָגן.
צי אָן די זעגלען פֿון דער נאַכט ביז פֿולסטער טיף,
ווייל דער טאָג קען מיך ניט טראָגן.

פֿיר מיך צו אַ לאַנד פֿון לינדער רו,
וואו ציגן טראָגן מיצעלעך און שפּילן אויף טראָמבאָנעס,
צו די ווייסע ליילעכער פֿון קדוש ברוך הוא,
נאָך ניט באַוואָלקנטע מיט יאַגד און מיט סכנות.

פֿיר מיך ... יע, פֿיר מיך ... דו ווייסט דאָך מערער
וואו עס ליגט דער בלויער ים פֿון רו.
ס׳איז מיין מידקייט פֿון דיין טורעם שווערער,
און מיין האַרץ פֿאַרשליידערט ערגעץ־וואו.

## מיין שיף פֿון פּימסנהאָלץ

צי ס׳רעגנט, צי עס רעגנט ניט —
כ׳וועל אויסבויען אַ שיף פֿון פּימסן־
  האָלץ
און אָפּשווימען אין לאַנד ליילית.
וואו איז דאָס לאַנד ליילית?
ווער ווייס.
וואָס טוט מען אין דעם לאַנד
  ליילית?
ווער ווייס.
צי עס איז ווייט? צי עס איז טיף?
עס פֿעלט אַ מאַסט נאָך אין מיין שיף
אַז איך זאָל גרייכן צו דעם לאַנד
  ליילית.

ווען איך בין קראַנק,
און ווען כ׳בין מיד —
ציט מיך צו דעם לאַנד ליילית.
דאָרט איז אַ ווייסער פֿויגל דאָ,
דער רופֿא פֿון מיין חולאת.
ער וואָלט פֿאַרהערט מיין האַרץ,
מיין פּלייצע אויסגעקלאַפּט,
געפֿרעגט פֿאַרוואָס כ׳בין בלאַס.
און וואָלט אַ רפֿואה מיר פֿאַרשריבן
מיטן כתב פֿון לאַנד ליילית.
דאָס איז גענוג אויף אייביק לעבן,
ניט קראַנק, ניט אַלט, ניט מיד.
צי ס׳רעגנט, צי עס רעגנט ניט —
כ׳וועל אויסבויען אַ שיף פֿון פּימסן־
  האָלץ
און אָפּשווימען אין לאַנד ליילית.
איך בוי די שיף סיי טאָג, סיי נאַכט,
אַפֿילו אין מיין חלום שטענדיק זיך
  געמיט.
כ׳וועל אפֿשר מאָרגן ענדיקן,
אַרויפֿציען די העכסטע מאַסט
און אָפּשווימען אין לאַנד ליילית.

# סביבה

## פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◈


מאָרים ראָזענפעלד, דער פּאָעט פון אידישן פּאַטאָס......ק. מ.
אידישער פּנקס (ליד)......מאָרים ראָזענפעלד
טייבעלע און הורמיזא (דערציילונג)......יצחק באַשעווים
דער היינט איז טונקל (ליד)......מלך ראַוויטש
שלאָפנגיין (ליד)......אהרן צייטלין
מיטן מנין אידישע פּאָעטן......יעקב גלאַטשטיין
די צוויי פעטער מענדלס (ליד)......אפרים אויערבאַך
דער יאָך און די מאָנונג פון א ליד......גבריאל פרייל
דער אינדיאַנער זומער (ליד)......רחל ה. קאָרן
פערזן פון דער אַטאָמישער עפּאָכע......א. לעיעלעס
וועגן קלאָרקייט און פאַרנעפּלטקייט אין דיכטונג......ש. שלום
זעאונגען (לידער)......יוסף רובינשטיין
אויף אַלטע מאָטיוון (לידער)......ישראל עמיאָט
אידישע געשטאַלטן ביי מענדעלען......שמחה לעוו
וואָס קען איך זאָגן צום ים ? (ליד)......חיים לייב פוקס
שפּעט אין דער נאַכט (דערציילונג)......י. מעצקער
די לעצטע זון (ליד)......מ. אָליצקי
תמימות און די פאַרפירעניש פון יצר־הרע......ק. מאָלאָדאָווסקי
די אידייען־וועלט פון שמעון ראַווידאָוויטש......משה שטאַרקמאַן
דער פיבער פונעם ליד (אָפּהאַנדלונג)......אפרים אויערבאַך
לידער......קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
אהבת ישראל......יעקב פיכמאַן
א סביבה אַרום דער „סביבה"


◈


נומער 5

שבט, תשכ"ב — פעברואַר, 1962

נ י ו ־ י אָ ר ק , נ . י .


## צום שלוס פון ערשטן יאָר „סביבה"

מיט דעם נומער שליסט די „סביבה" דאָס ערשטע יאָר.

פּראָבלעמען פון דער אידישער ליטעראַטור — שפּראַכלעכע, טעמאַטישע, און קינסטלערישע — זיינען נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. די „סביבה" וויל זיי ברענגען צום אויסדריק.

אַ ליד, אַ דערציילונג, אַן עסיי, זייער קוואַליטעט און פאַרנעם, און זייער שפּראַכלעכע עשירות זיינען אַן עיקר.

עס האָבן זיך אָפּגערופן יחידים און געשאַפן אַ סביבה אַרום דער „סביבה".

די „סביבה" פאַרענדיקט דאָס יאָר מיט אַ קליינעם דעפיציט פון אַ צוויי הונדערט דאָלער. מיר האָפן, אַז אין קומענדיקן יאָר וועט אָפּגעווישט ווערן דער חוב, און עס וועט זיך אונטערמויערן די „סביבה" אויף להבא.

אַ קליינע בקשה: די „סביבה" האָט ניט קיין טעכנישן „אַפּאַראַט" אויף אַרויסשיקן דערמאָנונגען צו די אַבאָנענטן. מיר בעטן דעריבער די לייענער פון דער „סביבה" אַליין געדענקען צו באַנייען זייער אַבאָנאַמענט, און אויך זיין אַליין די שליחים פון אויסברייטערן דעם קרייז פון אירע לייענער.

---


„סביבה" — זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy

*Editor*: K. MOLODOWSKY, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

PRINTED IN U·S·A· 253